STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04772

LIDER TSUM MENTSH

Israel Ch. Biletzky

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Samuel Engler
in honor of
Shelley, Philip, Daniel & Seth Engler

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ח. בילעצקי

*

לידער צום מענטש

י. ח. בילעצקי

לידער צום מענטש

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשכ"ז — 1967

I. CH. BILETZKI

SONGS TO THE HUMAN BEING

י. ח. בילעצקי / לידער צום מענטש

©

ביכער־פאַרלאַג „המנורה" רח׳ זנגביל 24,
תל־אביב, ישראל

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, תל־אביב

אינהאַלט

אַ װעלט מיט איך און דו 7
אַ שטיין, אַ דעמב, אַ מענטש 9
אומעטום 12
איציק מאַנגער 14
אויף אַן אַלטן ספר 15
איך גיי מיט דיר 17
אויף די װעגן פון פּרצעס מקובלים 19
הימלישע ברעגן 21
צװישן יאָ און ניין 22
אַ ליד פון שקיעה לאַנד 24
יידיש ליד 25
װינטן װאָיען 27
דער טאָג אין דעם גרויען שינעל 28
* * * 30
די לינקע זייט איז זוניק 31
מיט קולבאַקס יאָסטע דער שמיד 34
אין די שורות פון יידישן דיכטער 36
טראָג דעם לעבן אַנטקעגן 38
מיט האַרציקער ליבשאַפט 41
אַ װייסער שניי 44
צו אַלע שטורעמס 47
ירושה 49
די באַלאַדע פון שינדל־דאַך 51
שטענדיק 53
אַ זומער אַ באַגרינטער 54
נאָענט איז דער נעכטן 55
גלויבן אין ליד 57
האַרבסט 59
... 60
אומרו 61
מיין שטח 62
אַ ליד 64
איך היט דאָ געװיין 66
קערנער פון דיין זריעה 69
װער װעט אונדז פאַרבייטן 70
װערט פאַרלאָרן 72
דער מקור פון ליד 73
זיבן העמדער װי די בעכער 75
נאָר איינמאָל דיר זען 78
סתם 80
לידער 81
פידלער, קום 83
אין בלעטער־פאַל 86
דאָס לעבן האָט שטענדיק זייטיקע
כװנות 87
אין יענעם יום הדין 89
מיין קליינע כאַטע 90
װען דער װאַלד האָט אָפּגעברענט 91
קאַבריאַ, קאַבריאַ 94
אַלע שעה'ן קוש באַזונדער 96
המצא מנוחה נכונה 98
אַ ליד 100
דער טאָג איז פאַרגאַנגען 101
אין פאַרנאַכטן 102
כ'האָב אַליין היינט געזען 104
מיין פּריװאַטע ביאָגראַפיע 106
אַ חלום 108
אַ ליד 110
איך דאַרף ניט מער 112
אַלע װאַלקנס זענען אַװעק 114
פון מיר צו דיר 117
פילאָזאָף קאַנט 119

ליכטיקע כניעה 120

אַ טאָג פאַרגייט אין אומעט 121

אין סוד פון טאָג 124

נעכטנס 127

איך בין דער יורש 129

ס'איז אַ טעות אין גראַם 131

שטומע 134

צו דעם ברונעם מיט מיין תהילים 136

טרעפט אַ מאָל אַ שעה 139

אָן אַ היים, ווי אָן אַ מאַמע 141

צו י. ל. פּרצ'ן 142

דו װעסט קומען 144

העלער אויפגאַנג 146

אומרו 149

דריי חברים 151

אויף וועלכע לאַנקעס גרינען מיינע לידער 152

אַ קרישל פון אַ שטראַל 154

פשוטע מענטשן 156

געדענק מיך, גאָט 158

אַ טאָג װי אַלע רגעס זעען־אויס װי זונען 160

מיין נחלה 162

אַ ליד 163

פופציק יאָר 164

אַ וועלט מיט איך און דו

אַ וועלט מיט איך און דו,
מיט זאַמדן, שטערן, ים.
אַ וועלט מיט אומרו, רו,
בענקעניש און פלאַם.

אַ וועלט מיט רייץ און פרוי,
מיט ווייַן און וואַסער קלאָרן.
מיט רעגן און מיט טוי,
שיכחה און זכרון.

אַ וועלט מיט ברונעם, קוואַל,
מיט אַ פּאַסטוך און אַ פּייפל.
זון און בלעטערפאַל,
מיט גאָט און מיט אַ טייוול.

אַ וועלט מיט פרייד און וויי,
מיט פויערן אויף פעלדער,
שניידן און פּאַרזיי,
מיט זעגן אין די וועלדער.

אַ וועלט מיט שניי און רעגן,
מיט איינזאַמקייט אַ סך.
בלוט אויף ווייסע וועגן,
שטורעם אויפן דאַך.

אַ וועלט מיט ווייסע טויבן,
מיט זעלנער אין די שלאַכטן,
ספק און אויך גלויבן,
שקיעות אין פּאַרנאַכטן.

אַ וועלט מיט חלום שיכור —
אַ דיכטער האָט געפונען
אַ שליסל צו דעם עיקר:
אָ נ צ י נ ד ן ד י ז ו נ ע ן.

מיט תפילה און ייִדים,
אַ בנין בוי און בענטש.
אַ וועלט מיט ליד באַנייען
לידער צום מענטש.

אַ שטיין, אַ דעמב, אַ מענטש

אַ גרויער שטיין, אַ גרויער שטיין
פאַרגייט פאַרנאַכט זיך אין געוויין.

טוט ער וויינען, טוט ער קלאָגן:
ווען וועט נאַכט דעם טאָג אויסטאָגן?

אַ גרויער שטיין, אַ גרויער שטיין
בלייבט ביינאַכט אַליין, אַליין.

קומען הימלען מיט צוויי שטערן,
גיסן אָן דעם שטיין מיט טרערן.

קומען וואָלקנס און זיי שענקען
אַ גאָס רעגן — צו געדענקען.

ווערט די נאַכט בלאַס און בלאַסער
און דער שטיין — נאַס און נאַסער.

און לעם שטיין — אַ טיפער דעמב
שטייט אין שווייגן איינגעקלעמט.

שטרעקט דער שטיין אים אויס אַ האַנט:
לאָמיר שטומען זאַלבענאַנד,

לייכטער טראָגן קען מען ווייען
ווען ביינאַכט מ׳איז אין צווייען.

זוכט דער דעמב אַ וואָרט, אַ שיר
און דער שטיין דעם דעמבס באַריר.

קומט אַ מענטש מיט מידע פיס
און אין מיטן האַרץ אַ ריס.

קושט דער מענטש דעם דעמב און שטיין:
דאָ פאַרבלייבן. כ׳וויל ניט גיין.

כ׳טראָג געוואַי פון וויסטע היילן,
מיט מיין ווי כ׳וויל זיך טיילן.

כ׳האָב פון לאַנג זיך אָפּגעשיידט
פון פרימאָרגן ליכט און פרייד.

כ׳טראָג אויף מיינע מידע וויעס
טויטע זריחות, טויטע שקיעות.

כ׳טראָג אויף אַקסלען אַ באַלאַסט,
לאָזט מיך בלייבן דאָ צו גאַסט.

לאָזט מיך דאָ זיך לייגן שלאָפן
און די אויגן האַלטן אָפן.

זען אין הויכן ווי די שטערן
וואַרפן פולע זעק מיט טרערן.

שטום און שטיל — אין טיפן וואַלד
שלאָפט אַ מענטש מיט גליק באַשטראַלט.

האָט די נאַכט מיט אַמאָל
צעזונגען זיך אויף באַרג און טאָל:

קומט אַהער, אָט קומט און זעט:
אַ מענטש דעם שטיין און דעמב דאָ גלעט.

קומט אַהער און קומט צוגיין:
ס'איז דער מענטש ניט מער אַליין.

אומעטום

צי אין אַלקער,
צי אין זאַל,
שעפּט דאָס ליד
פון קוואַל.

קען דער קוואַל
פון שכל זיין,
פון האַרץ, פון טייך און פעלד,
פון קרומע ווייטע געסעלעך,
צי פון ברייטער וועלט.

קען דער קוואַל
דער נעכטן זיין
ביים אָוונטיקן ברעג,
אָדער אפשר ווייטער מאָרגן
צעוויקלט זיינע טעג;

איז דער קוואַל
אַ בלויער פויגל
אין ווייטקייטן פאַרפלויגן,
אָדער אפשר שיין און ליכט
אין צוויי שיינע פרויען־אויגן.

קען דער קוואַל
אַ חלום זיין, אַ שמחה
צי געוויין.
אַ טרער אויף שניי און קעלט
אין שטורעם־נאַכט
אַליין.

קען דער קוואַל
פון חכמה פליסן, פון לויטערן
געדאַנק,
ברענגט ער בלויע שורות, ווערטער
אַ געשאַנק.

קומט דאָס ליד פאַרכישופט,
צעזוניקט און צעהעלט,
שפילן זיך אין פערזן
דער אַלקער און די וועלט.

דער קוואַל — איז סוד
פון ליד,
דער קוואַל איז יורה דעה,
פאַרשטעקט פון פרעמדע אויגן,
פאַרהיט — ווי אַ קמיע.

דער קוואַל איז לאַבירינט,
דער קוואַל איז טיפע היילן.
כ'האָב צוגעזאָגט די דיכטער
דעם סוד אייך ניט דערציילן.

נאָר איינס מעג איך אייך זאָגן,
אַז אָן פאַרזייטע קערנער
וואַקסט אויף פעלד און וועלט
נאָר ווילדע גרויע דערנער.

דער קוואַל איז שטילע
תפילה.
דער קוואַל איז היים
און פרעמד
נאָענט צו דיין לייב
ווי נאָענט ס'איז דיר דיין העמד.

איציק מאַנגערן

אַ דאַנק. אַ דאַנק. אַ דאַנק
פאַר דיין ליד אויף צעבלעטערטער קרוין.
אַ דאַנק פאַר די אבות און בעש״ט,
פאַר דיין אָטעם מיט חסד און חן.

אין זכות פון דיין ליד און באַלאַדע,
אין זכות פון דיין סוד און דיין וואָרט
מאָן איך ביי אַלע העברעיער
ביים כתל מזרחי אַן אָרט.

אין זכות פון דיין ליבשאַפט צום פאָלק,
צום יחיד און יידישן כלל:
ווערט מיין ליד אַ בראשית פונסניי
און מיין יידיש אַ פלאַם, אַ סיגנאַל.

אין וויי און אין פרייד איבער גאַסן,
אין דממות, איןווילדן געליאַרעם,
גיי איך מיט גאווה דערמונטערט
מיט מדרש איציק געאָרעמט.

אַ דאַנק. אַ דאַנק. אַ דאַנק
פאַר דיין ליד אויף צעבלעטערטער קרוין.
אַ דאַנק פאַר די אבות און בעש״ט,
פאַר דיין אָטעם מיט חסד און חן.

אויף אַן אַלטן ספר

אויף אַן אַלטן ספר,
אויף אַ צעקנייטשטן דף
איז געווען פאַרשריבן:

היט דיין תוכן, היט דיין פורעם,
היט דיין לעבן פון דיבורים,
היט דיין נפש פון די רוחות
און פאַרשרייב אויף דיינע לוחות:
טיפער, טיפער אין דיין נורע,
טיפער, טיפער אין דיין שורה.
די וועלט איז קראַנק, די וועלט איז פלאַך,
קלעב מיט ניגון אויס דיין דאַך,
נאָר דאָס ליד איז קלאָרער קוואַל
און דער ניגון — קלאַנג מעטאַל.

אויף אַן אַלטן ספר,
אויף אַ צעקנייטשטן דף
איז געווען פאַרשריבן:

מיט שכל און האַרץ אַנטקעגן קאָשמאַר
מיט שכל און האַרץ אַנטקעגן געפאַר.
אין רעש, אין טומל, אין קאָסמישן קלעם
היט־אויס דיין צורה, דיין נפש, דיין שם.
פאַרהיט פון דער שרפה געוויסן פון לאוו'ן,
פאַרהיט פון די פלאַמען פאַרעלטערטע כתב'ן
און זאָל דיר דיין גאָט, און ניט מיאוסער שטן,
פאַרשרייבן דעם המשך פון חומש געבאָטן.

אויף אַן אַלטן ספר
פאַרבאַהאַלטן דאָרט טיף אין באַשאַף,
אויף אַ צעקנייטשטן דף
זענען די ווערטער געווען פאַרשריבן.

ס׳האָט מיין ליד די טויערן געעפנט,
און ביים צעקנייטשטן דף פאַרבליבן.

איך גיי מיט דיר...

איך גיי מיט דיר, גאָט,
אויף אַלע וועגן,
אויף אַלע שטורעמדיקע ימען,
צו אַלע וואָיעגדיקע שיפן,
נאָר פיר מיך ניט צו דיינע טיפע תהומען.

איך גיי מיט דיר —
ווו אַ ברעקל זון,
ווו אַ קרישקעלע טאָג,
ווו אַ פּיצל פרייד:
צו פרוי,
צו וויין,
צו אָפּענעם ספר.

איך גיי מיט דיר, גאָט,
צו אַלע שוועלן וואָס שעפּטשען
אין שחר פון דיין טאָג תפילות:
פאַר אָפענע הימלען,
פאַר אָפענע הערצער,
פאַר אָפענע טירן.

איך גיי מיט דיר, גאָט,
צו אַלע מזבחות,
צו אַלע עקדות,
צו אַלע געוויינען פון מאַמעס.
איך ברענג דיר מיין וואָרט,
אויב אַפילו איך גלויב, אַז מענטש
איז העכער פון גאָט.

איך גיי מיט דיר, גאָט,
צו אַלע מלאכים, וועלכע האָבן
די הימלען פאַרלאָזן.
צו אַלע מענטשן, וואָס האָבן
לעבנס פאַרברענט.
צו אַלע וואַגאַבונדן,
וואָס טראָגן זייער נאַקעט קול
מיט געבעט און געשריי:
עפן דיין הימל און לאָז אַריינקוקן
אין דיינע פאַרבאָרגענע סודות.

איך ווייס, גאָט.
דאָרטן ליגן פאַרברענטע שמות.
פאַרשניטענע לעבנס.
ניטאָ קיין פאַרבאָרגענע סודות אין הימלען.
נאָר עפן אַ קליין שפּאַרונקעלע
אין דיין הימל־אַלקערל
אָט סתם אַזוי.
דיכטער האָבן ליב אַ געטלעכן ליגן.

אויף די וועגן פון פּרצעס מקובלים

פּרצעס מקובל טאַפּט אָן זיין ניגון.
פּרצעס מקובל הערט.
אַ שטערן האָט היינט דורכן אָפענעם פענסטער
מיין ליד באַטרערט.

באַטרערט — און ווי דער מקובל
כ׳האָב מיין ניגון אָנגעטאַפּט.
אַלע קוואַלן פון די הימלען
האָט דער ניגון איינגעזאַפּט.

באַטרערט — און דער ניגון
האָט צעזונגען זיך בייטאָג.
כ׳האָב מיין פרייד און טרער אין ליד
אָפּגעוויגן אויף דער וואָג.

האָט די טרער מיט קלעמעניש,
מיט וואַסערדיקע אויגן,
צו מיין פּיצל פרייד
טיף זיך איינגעבויגן.

האָט מיין פּיצל פרייד
אַזוי זיך סתם פאַרטראַכט
און אויסגעקושט אַ טרער
אין תהומיקן פאַרנאַכט.

פּרצעס מקובל
האָט זיין ניגון אָנגעטאַפּט,
ס׳האָט אַ טרויעריקע פרייד
אין מיין טיר היינט אָנגעקלאַפּט.

אָנגעקלאַפּט — און גלייך אַריין
ווי אין האַרץ אַ שטיק געוויין.
פון מקובלס גוטן ווײַן
זינגט דער שַחַר מיט זיין חן.

הימלישע ברעגן

השמים שמים לה׳ — און איך זאָג אַז דער הימל געהערט
גאָר דעם מענטשן.
מיר וועלן די בלויקייטן קיינעם פאַרטרויען.
מיר וועלן אויף שטערן, ווי אויף קדושה־ליכט בענטשן
און האַלטן די באָרוועסע הערצער אויף בלויען.

ניין, מיר וועלן די הימלען ניט אָפּגעבן גאָט,
מיר וועלן די שפּיצן צו ערדן פאַרבינדן.
מיר ווילן אויף הימלען אַ מענטשלעכן טראָט
און פריי זיין אויך דאָרט ווי אין וועלדער די אינדן.

מיר האָבן דעם בליאַסק פון די הימלען געהיט,
באַזונגען אין ליד מיט געלעכטער, געוויינען,
זאָלן די אייביקע מענטשלעכע טריט
נאָכגיין די הימלען מיט טויזנטער חנען.

מיר וועלן דעם פּסוק פון הַלל אויסמעקן,
די הימלען געהערן דעם מענטשלעכן שטאַם,
פון באַרג און פון טאָל און פון וועלטישע עקן
זאָל קלינגען דאָס וואָרט: השמים, שמים לאדם.

צווישן יאָ און ניין...

מיין ברודער — אליהו.

צווישן יאָ און ניין, צווישן טאָוולען פון ספרים,
וואַלגערן זיך בלעטער פון מיין לעבן אין זייער פולן טומל.
ס'ברענט דער מזרח, דער מעריב, דער צפון, דער דרום,
כ'טרינק רויש פון די ימען, פון קוואַלן דעם מורמל.

כ'שטויב־אָפּ מיינע פיס און מאַך ריין די ווונדן,
כ'שטויב אָפּ מיינע ווערטער, כ'היט־אויס זייער וועלט.
קומט דער י אָ און דער הימל ווערט העלער צעצונדן,
קומט דער נ י י ן — ווערט די זון מיט אַ וואָלקן פאַרשטעלט.

צווישן יאָ און ניין, צווישן טאָוולען פון ספרים,
גייען די יאָרן, פאַרשווינדן און קומען.
אָט בין איך אַ פּרינץ און באַלד אַזוי אָרעם.
נאָר מיין וואָרט האָט די תחומים די ענגע צענומען.

נאָר מיין וואָרט האָט געטראָגן דעם שחר אַנטקעגן,
די ווייסקייט פון לייב און פון ביימער דעם ניגון;
נאָר מיין וואָרט האָט פאַרזייט, ווי אַ פויער אויף וועגן,
דעם גלויבן, אַז י אָ וועט דעם נ י י ן דאָך באַזיגן.

נאָר מיין וואָרט האָט דעם היינט מיטן מאָרגן פאַרבונדן
און צוגעזאָגט שטילע און ליכטיקע טעג;
נאָר מיין וואָרט האָט פאַרלאָשענע זונען געצונדן
און דעם פישער פאַרזיכערט אַ רויקן ברעג.

נאָר מיין וואָרט האָט די פעדים פון חלום פאַרקניפּט
אין טאָוולען פון ספרים, אין גאַנג פון די יאָרן.
דער דמיון דאָס פסולת פון טעג אויסגעזיפּט
און דאָס ליד האָט פאַרשריבן אַזוי לזכרון:

גיי ווייטער דיין גאַנג מיט שלום און קריגן,
צוזאַמען מיט מחנות, — אַליין און באַזונדער.
מעג דער הימל באַגלייטן דיין וואָרט און דיין ניגון,
נאָר דער רשעות פון ערד גיב זיך קיינמאָל ניט אונטער.

אַ ליד פון שקיעה־לאַנד

אין שקיעה־לאַנד
וואַלגערט זיך אַ טרער און וויל אָנקומען צו מיר.
אין שקיעה־לאַנד
איז אָפן דאָרט אַ טיר.
אַ מזוזה לעקט די לעצטע טראָפּנס בלוט,
און אַ שיימע פון אַן אַלטן ספר וויינט פאַרשעמט.
דאָ, אין מזרח, צאַפּלט זיך מיין האַרץ, פאַרקלעמט.

איך בין דיין זון, דו שקיעה־לאַנד,
און מיין מוזע
טוליעט זיך אין שטילע פאַרנאַכטן
צו מיין טאַטנס מזוזה.
אויף די ראַנדן פון דעם מזרח שטייט מיין טאָג
פאַרשעמט,
ווי אַן אָפּגעשמיסענער שם.

אין שקיעה־לאַנד
ווייט־ווייט, ווו בלוטיק זענען אַלע שטראָמען
האָב איך דערזען:
אויף אַ מצבה האָט אויפגעשריבן ווער דיין נאָמען.
דאָס בין איך דיין זון
געקומען אויסקריצן אויף שטיין און האַרץ פון קינדער:
ת נ צ ב " ה.
דאָ ליגט דער זיידע — דער חלום־צינדער
פון אייער טאַטן.

אַ תפילה אויף די ליפּן:
אייניקל, דו זאָלסט מיך ניט פאַרראַטן.

אין מזרח לאָמיר צינדן ליכט און זונען
מיט האַרץ און מיט ידיים:
פאַרשפּינט מיין טאַטנס תפילה בצרור החיים.

יידיש ליד

די קדיש־זאָגער נאָך יידיש.

יידיש ליד איז אחריות,
יידיש ליד איז געוויסן,
אַזוי האָט דער דיכטער
געלאָזן צוויסן.

בלחש, אין פליסטער,
אין פלאַטער, אין שרייען :
יידיש ליד איז מחשבה,
יידיש ליד איז אַ רעיון.

ניט פוסט, נאָר באַלאָדן,
באַיאָדערט, באַקערנט :
יידיש ליד איז אַ לייטער
פון ערד צו די שטערן.

אין סוד, אין התגלות,
אין דרש און אין רמז,
פאַרבלייבט יידיש ליד
אין די תחומים פון אמת.

מיט פייער און פלאַם
ברענט אַ יידישע שורה.
אין שטורעם, אין כמאַרע
אַ פריידיקע בשורה.

ווער זאָגט : פאַרשווונדן ?
ווער זאָגט : פאַרגייט ?
יידיש ליד איז דאָך שטאַרקער
פון לעבן און טויט.

אויף יידישן דרך,
אויף שטעג און אויף סליאַד
שפרייזט יידיש ליד
נאָך אַ פאָלק נע ונד.

האָט דאָס פאָלק זיינע זין
צו באָדן געשמידט,
ווערט נאָכגיין זיין זריעה
יידיש ליד, יידיש ליד.

יידיש וואָרט באַדייט אומרו,
יידיש וואָרט — אַ טרער,
און נצח יידיש ליד
לא ישקר.

ווינטן וואָיען

אויף דיביימער — ווינטן, אויף די פעלדער — זאַנגען,
און די שטרעקעס זינגען־אויס אַ ליד.
בלאַנקען סערפּן קעגן זונען, הילכן ווילדע קלאַנגען,
און אומעטיק גייט אום מיין שקיעה׳דיק געמיט.

ווינטן וואָיען, וואָיען, אַלע ביימער ברענען
קעגן שקיעות פון פאַרגייענדיקע זונען.
ווער וועט יוספס העמדעלע אויסקושן, דערקענען,
זיין העמדעלע אויף וועגן כ׳האָב געפונען.

ווינטן וואָיען, וואָיען, זיי לויפן גיכער, גיכער.
פּאָעט דו איינזאַמער, פאַרשטום, פאַרשווייג.
ס׳האָבן אַלע שטורעמס בשותפות מיטן וויכער
אָפּגעבראָכן פון מיין בוים אַ צווייג

ליבער, שיינער צווייג, שטענדיק פלעגסטו ברענען
ווען געקומען כ׳בין צו דיר אין אומעטיקע שעה׳ן.
ווער וועט דיינע בלעטער אויפקלייבן, געפינען,
ווער וועט אין פאַרטאָגן טרינקען דיינע טויען ?

פוסט אַרום. מיטן צווייג איך וויל פאַרבלייבן
און מיט די ווינטן כ׳וויל זיך לאָזן יאָגן.
כ׳וויל אַלע בלעטער אין מיין האַרץ אויפקלייבן
און אויסזינגען אַ ליד :
זאָל טאָגן !

דער טאָג אין דעם גרויען שינעל

דער טאָג מיטן גרויען שינעל
איז אַריבער באַוואָפנט מיין שוועל.
כ׳האָב ניט געהאַט גענוג כח פאַרהאַלטן
דעם גזלן, דעם קאַלטן.

דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
האָט אָנגעזאָגט צער.
אַ יינגעלע שרייט אויף בולוואַרן:
מיין צייטונג דערציילט פון געפאַר.
באַלד וועט דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
צעשניידן דיין האַרץ מיט באַפעל:
מעק־אויס פון דיין ספר זכרון,
דיין שפּייז איז פאַרשניטענע יאָרן.

דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
האָט ניט ליב דיינע תפילות צו טוי.
דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
האָט פיינט דיין קינד און דיין פרוי.
ער וויל ניט דיין ספר, דיין נאָמען.
דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
איז פאַרליבט אין תהומען.

דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
איז אַרויס אויף מערק און אויף גאַסן,
גערופן דעם פויער פון פעלד
זיין סטאַדע און ערד ער זאָל האַסן.
דער טאָג אין דעם גרויען שינעל
האָט אויף תורות, געבאָטן
געטראָטן

און אויף בלוטיקע וועגן געלאָפֿן, צעשראָקן
געזען כ'האָב אַ קינד און אַ זקן.

האָט דער דיכטער אין ליד
צעפּויקט אַ באַפּעל:
קעגן טאָג מיטן גרויען שינעל
שיק אַרויס צו די זוניקע שויבן
צוויי ווייסע קרישטאָלענע טויבן.

* *

*

יעדער איינער וויל הערן זיין קול:
דער באַרג, דער בוים, דער מענטש, דער טאָל.

יעדער איינער פאַרזייט אַ חלום, אַ שפּליטער
אויף פעלדער, מרחבים, אויף ווייטקייטן, סטעפּעס;
דער באַרג זוכט דעם טאָל, דער מענטש זוכט דעם בוים
אין אַלע — אַ ציטער,
אין אַלע — אַ טרוים —
און אַלע פאַרבענקטע נאָך עפּעס.

יעדער איינער זוכט מרחב, יצירה:
דער פויער, דער דיכטער, דער פויגל, דער קוואַל.
אין אַלע אַ ברעקעלע שירה,
דער חשבון פאַרפּלאָנטערט אין סתירה, —
אין אַלע דער רויש פון אַ וואַסער־פאַל.

יעדער איינער זיין מאָרגן וויל שפּינען
אין גרויסן געוועב פון דער וועלט;
אַלע זוכן און ווילן געפינען
אַ שפּליטער פון זון, אַ צעהעלט.
אַ מאָל איז איינעם געראָטן
פאַרלויפן זיין אייגענעם שאָטן.

און איך, ממעמקים — פון טאָל —
וויל אין פלאָנטער פון גרויסן געוועב
פאַרהיטן דאָס שעפּסעלע מיט איר שחריתדיק וואָל.

די לינקע זייט איז זוניק

צו פּרץ מאַרקישעס 70טן געבוירנ־טאָג

אויף אַ צעכוואַליעטן, אומענדלעכן ים —
אַ שוואַרצע טרונע.
מיין ברודער פּרץ מאַרקיש אין זיין „ס ת ם״
האָט מיר צוגעזאָגט:
די לינקע זייט איז זוניק.

זענען מיר געקומען מיט אַ וואָרט
אַ וועלט צעקעמען.
געבעטן זיך, געשריגן:
מיר ווילן אונדזער ביסל זוניקייט, אונדזער חלק נעמען.
פון דאַנעט און פון דאָרט
אַ פּיצל ניגון.
ס׳האָט דאָך מאַרקיש צוגעזאָגט:
די לינקע זייט איז זוניק.

צו אַלדי שוואַרצע יאָר —
אַזויפיל כלי־זמר, פויקן, אַזויפיל גלאָקן
האָבן אָנגעזאָגט מיין דור:
וועסט מיט דיינע עמערס פולע הויפנס זון נאָך שעפּן.
פאַרוואָס די ליקוי חמה? אַ מענטש אַ נאַקעטער לויפט אַרום דערשראָקן.
פאַרוואָס די העק קעפּן, קעפּן, קעפּן.
אויף גאַסן וויינט אַ קינד און אויך אַ זקן.
ס׳האָט דאָך מאַרקיש צוגעזאָגט:
די לינקע זייט איז זוניק.

אָ, וועגן קראַנקע, לֵציקע,
אָ, פאַרשטיקטע קולות אין כאָר.
אין טורמעס לייזיקע און קרעציקע
געגוססט האָט מיין דור.
אַ דור פון שרייבער און פּאָעטן,
פון מייסטערס, טרוימערס, כהנים און נביאים.

אויף אַלע ביימער — תליות. אויף אַלע וועגן — טויטן.
אַפילו קיין פ.נ. אויף ברידער־קברים.
געוואָלט האָב איך אין לעבן אייך באַגלייטן.
געצאַצקעט זיך מיט אייער ליד, מיט תוכן און מיט פאָרעם.
געוואָלט מיט אייך פון הימלען אָפּרייסן די שטערן —
האָב איך אָפּגעגאָסן אויף עקרות־פעלדער פולע לאָגלען טרערן.
פרץ מאַרקיש האָט געטעות׳ט:
די לינקע זייט איז בלוטיק.

קדיש־זאָגער, מן המיצר היט דעם כבוד.
טראָג דיין יתגדל צו רויטער שקיעה העכער, העכער.
זייער לעבן אין אייביקייט פאַרקאָווע.
תפילות פאַר זייערע נשמות אונטער אַלע דעכער.
אינטעליגענט, אַרבעטער און פויער,
מיט מיין יידיש לשון העלף מיר אין מיין טרויער.

פון יעקב׳ס לייטער צעפאַלן זיך די טרעפּ.
אַ לעגענדע גייט אַ באָרוועסע פאַרהילט אין אומעט און געוויין.
ביים ראַנד פון רויטער שקיעה אָפּגעהאַקטע קעפּ.
צי האָסטו זון אויף מזרח געמוזט אַזוי פאַרגיין?
צי האָט דער הייסער ווינט פון יוגנט געמוזט אַזוי פאַרווייען,
צי האָט געמוזט דער בייזער ווינטער אַזוי דעם וועג פאַרשנייען?

בלעטער כאָרכלען און אין אָפּגעהאַקטן וואַלד — שוואַרצע קראָען,
אַוועק אויף טויטע טאָלן איז דער שומר.
אויסגעטריקנטע ברונעמער, נאָר אויף וויסטע דנאָען
שעפּטשען שטיל קדישים אָפּגעהאַקטעביימער.
די נאַכט האָט אויסגעבעט אַ בעט, דער טויטער מאַרקיש זינגט :
די לינקע זייט איז בלוטיק.
נאָר אין לאַנד פון מילך און האָניק
די לינקע זייט איז זוניק.

מיט קולבאַקס יאָסטע דער שמיד

איבער תל־אביבער גאַסן זוך איך יאָסטע דעם שמיד.
איך ווייס — נישטאָ מער יאָסטע און פאַרשניטן משה קולבאַק
זיין באַזינגער.
נאָר הערן הער איך ווי עס שרייט זיין ליד
אין קוזניע פון אַ פאָלק, וואָס איז פון אַלע פעלקער ייִנגער.

אָ, יאָסטע דער שמיד, מיט מיר דיין חנקעלע זוכט דיך איבער
תל־אביבער גאַסן,
זי זוכט דיין נאַקעט האַרץ און דיינע נאַקעטע פלייצעס.
חנקע איז אַ הייסינקע אין ליב האָבן און האַסן,
חנקע וויל אויף יאָסטען פאַרוואַרפן אירע לייצעס.

דער בלאָזזאַק אויסגעלאָשן, די פּאָדקאָוועס און רעדער ליגן ווי
יתומים,
חנקעלע גייט און זוכט, זי וועט געפינען אים מסתמא.
פונדערווייטנס קנוילט זיך אין די הייכן אַ ווײַסטער רויך פון
קוימען,
חנקעלע פאַרשטייט: יאָסטעס האַמערדיקער גוף ניטאָ מער,
געבליבן נאָר זיין הייליקע נשמה.

יאָסטעס ליולקע אין דער פינצטער דערציילט פון זיין קאָוואַדלע,
פון זיינע פּאָדקאָוועס און רעדער, — אָט קוקט זיין פּנים, קוועלט.
ער דערציילט, ווי פּלוצלינג ווי אַ שטורעם איז אָנגעלאָפן אַזאַ
וועלט, —
אַזאַ וועלט אַ פּאָדלע
און אויפגעריסן יאָסטעס ריפּן —
זוכט חנקעלע אויף תל־אביבער גאַסן יאָסטעס טויטע ליפּן.

אָ, יאָסטע, פּראָסטער שמיד, כ׳וויל מיין זון זאָל וויסן פון דיין לעבן.
כ׳וויל מיין קינד זאָל וויסן: האָסט געוואַגט.
אויף דיינע פּלייצעס האָסט געטראָגן דעם תלמיד און דעם רבין,
דיין פֿאָלק האָסטו געטראָגן צו דיין קוזניע לעם דעם טראַקט.

נו, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זון מיינער, פון יאָסטען?
וואָס זאָל איך דערציילן פון קולבאַקס יידיש וואָרט? —
האָב ליב מיין זון די ברוינע גופים אָט די פּראָסטע,
וועלכע זענען ד אָ און שטאַמען דאָך פון ד אָ ר ט.

איך ווייס ניט ווער איז גרעסער — משה קולבאַק צי אברהם שלאָנסקי,
נאָר ווייסן ווייס איך, אַז יאָסטע שמיד געוועזן איז אַ העלד.
איך ווייס ניט ווער איז גרעסער — אַרטור צי דער פּלאָנסקער,
נאָר ווייסן ווייס איך: ד אָ ר ט און ד אָ די שניטער אויף א י י ן פּעלד.

און ווער עס וויל צעשיידן דעם ד אָ פון חורבנדיקן ד אָ ר ט
ווער עס פּרוווט יאָסטעס קוזניע אַרויסרייסן פון סידור,
דער רייסט אַרויס דאָס לשון פון קולבאַקס און פון שלאָנסקיס וואָרט
און רייסן קריעה, ווי לעבעדיקע יורשים, זייערע געזונטע לידער.

אָ, חנקעלע און יאָסטע — אויף אַלע תל־אביבער ראָגן
כ׳זוך דעם חן פון אייער פּראָסטן פּנים.
כ׳וויל אייער ניגון צו מיין קינד דערטראָגן,
ווייל איך — אַ טאַטע פון צוויי וועלטן יידישע, זאָג קלאָר און דייטלעך:
כ׳קען ניט אָן אים.

אין די שורות פון יידישן דיכטער

דער שיכורער ריח פון דער גאַס.
די פייערדיקע צונגען פון דער שרפה.
דאָס ברוינע פייער.
אַלע פאַרשוויגענע האַמער־קלעפּ פון יידישע קוזניעס
און אַלע אויסגעלאָשענע בלאָזזעק —
אין די שורות פון יידישן דיכטער.

אַלע אַלטע דעכער פון בתי מדרשים.
ניגונים פון יידישע שטעטלעך.
דער צער פון אַלע עקן יידיש־וועלט.
אַלע אָפּגעבראָכענע צווייגן אין וואַלד.
הייליקע לעצטע שעה׳ן —
אין די לידער פון יידישן דיכטער.

אַלע שטילע תהילמדיקע נשמות.
זילבערנע פאַרברענטע עטרות.
אַלע קולבאַקס זיידעס פון קאָבילניק,
יידן פּראָסטע ווי די שטיקער ערד.
אַלע יונגען וואָס האָבן פליטן אויף יידישע טייכן
געטריבן און קלעצער געשלעפּט צום יידישן היכל —
אין וואָרט פון יידישן דיכטער.

אַלע קלעטערער אויף הויכע באַרג־שפּיצן,
אויף מוריה׳ס, אַלע עקדה־יידן,
און די וואָס האָבן מיט זייערע בלאַנקע קאָסעס
אויף פרעמדע פעלדער אָפּגעקאָסעט פרעמדע גראָזן.
אַלע די וואָס האָבן געמורמלט קלוגע רייד
און צווישן די גוישע נעפּלען פאַרגאַנגען —
אין שורות פון יידישע דיכטער פאַרשריבן.

אַלע אייערע שטראַלן און אַלע אייערע פרימאָרגן־טויען —
די גרינע קלאָרקייט און מיסטישע תפילות אין שטילע
פאַרנאַכטן —
פאַרקנאָטן אין שטימעס און קולות פון דורות;
אַלע ווערבעס פאַרוויינטע אויף פוילישער ערד —
אין וואָרט פון יידישן דיכטער פאַרשטאָכן.

אויף דיינע מויערן, יידיש לעבן, גייט ווער אַרום מיט אַ טלית.
דער יידישער דיכטער. דער יידישער דיכטער.
ער פאַרשרייבט:
אַ תפילה איז אַ יעדער שטיין, אַ ניגון — יעדע וואַנט,
אַ ספר איז אַ יעדער שטיין, אַ פאַרמעט — יעדע וואַנט.
און ער שטייט און ציילט דיינע שטערן.

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן דיינע פולע קוישן,
פֿאַרפּאַק אין זיי דיין יום־טוב און דיין וואָך.
דיין קלאַנג און דיין געזאַנג
און פֿון ירידן אַלע רוישן,
נעם־מיט אויף אַלע וועגן דיין חוב און דיין יאָך.

אין וועג נעם־מיט מיט זיך דיין א מ ת ע געשטאַלט,
דיין ניגון, דיין עשירות און דיין דלות.
זיי אַ בוים אין וואַלד
און דאַוון־אויס דיין וואָרט,
ווי ס'דאַווענען אין שטורעמדיקן ים די כוואַליעס.

נעם־מיט מיט זיך אויף וועגן דיין אויסגעשטאָלטן ווילן
און דעם מזמור פֿון נשמה־האַרפֿן.
ביי לויטערע שקיעות זאָלסטו שטילן
דעם אומרו פֿון דיין בלוט,
און ווען אַ מענטש וועט דיר אַנטקעגנקומען מיט נאַכט אין זיינע
אויגן
קוש אויס זיין צער, און מיט הכנעה זאָלסטו זיך פֿאַרבייגן.

נעם־מיט מיט זיך אויף וועגן דעם צאַפּל פֿון דיינע ד' אמות.
זע — אַ שטערן פֿאַלט און ברענגט צו דיינע פֿיס
געוויין און ריס
און טרערן פֿון אַזויפֿיל מאַמעס.
זאַפּ אַריין אין זיך זייער נאָענטקייט און פֿאַרפֿרעמדקייט
און קוש די ליפּן אויס פֿון האַרציקער פֿאַרשעמטקייט.

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן דיינע פולע קאָרבן,
פאַרפאַק אין זיי אַלע גוטע לוחות
און דעם געשריי פון קרבן,
וועלכער איז אַוועק מיט אַ שטריק אין האַנט
פענטען אַלע זאַוויערוכעס
און ברענגען זיי צו אַ שלווה'דיקער שוועל.

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן דיין סימן, דיין אות.
דיינע צוויי־דריי שורות, וועלכע רעדן ווי אַ שלאָס
אויף אַ טיר פון אַ טורמע — דאָרט קניען פאַרשטיקטע פריידן
שטום, ווי די שאַרפקייט פון אַ זעג,
וועלכע זעגט און זעגט און זעגט
פאַרשניטענע נעכט און טעג.

נעם־מיט מיט זיך אויף וועגן דיינע פאַקלען :
אַ לויטערע האַנט. איר ברכה. דיין געליבטערס האַרץ־באַריר.
אין דיין שיר
זאָלן זיך צאַפּלען אַלע דיינע סך־הכלען
און אין דיין חלום — ווי אַן אָנגעצונדענער נאַכטיקער דאָרן,
זאָל ברענען דיין זכרון.

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן דיין מאָרגן און דיין נעכטן.
„זון מיינער — האָט דער טאַטע מיר אַ סוד אַריינגערוימט :
זאָלסט זיך באַמיען,
אַז אויף די ביימער פון דיין טרוים זאָל בליען
אַזאַ בלום, — וואָס אויף איר — ווי פלאַמען,
אַלע פייערלעך צוזאַמען :
דער מאָרגן אין דעם נעכטן איינגערוימט אין ראַמען".

טראָג דעם לעבן אַנטקעגן אַלע קולות פון דאָרט און פון דאַנען.
די ניגונים ממעמקים פון די תהומען.
טראָג די אַלע אותיות פון דיין נאָמען,
ווי די זון פאַקט אַלע שטראַלן איין צוזאַמען —
קיין שטראַל אין תוהו נישט צערינט,
אַלע אין גאָטס־טאָג פאַרשפינט.

טראָג דיין לעבן, ווי אַ גוטער פאַסטוך זיינע שאָף
און זיינע רינדער.
היט דיין אָנהייב און דיין סוף,
ווי קינדער
היטן אויס דעם כבוד פון זייער טאַטע־מאַמע.
האָסט דיין לעבן נישט געפונען, ווי אַ שפענדל אויפן ווינט,
מיין קינד.

טראָג דיין לעבן, ווי עס טראָגט דער קוואַל זיינע וואַסערן פון
טיפע סודות,
און פון ווונדער זינגען זאָל דיין בלוט.
די קלוגע טעג זאָלן זיין די עדות
פון דיין שעה און צעקרישלטער מינוט
און זאָלן די שורות, ווי אויף פעלדער פולע זאַנגען,
מיר און דיר דערציילן,
אַז דער דיכטער האָט זיין לעבן אויף אַ שיר היינט אויפגעהאַנגען.

מיט האַרציקער ליבשאַפט

כ׳קום מאַכן אַ ברכה
אין פרימאָרגן
איבער אַ קרישקעלע שטראַל.

מיטן שחר,
מיין באַגלייטער, כ׳גיי אַראָפּ
צום קוואַל.

קומען מיר אַנטקעגן
ביימער. צווייגן.
גראָזן.

ווילן נישט די ווערטער
די גוטע פריינט
פאַרלאָזן.

טיפער אין מיין טאָג.
ס׳וואַרטן אויף די געסט
כשופדיקע שטערן, בלויע.

טיפער אין מיין וואָרט.
אויפגעזאַמלט זאָלן ווערן אין די גראָזן
אַלע טויען.

כ׳קום מאַכן אַ ברכה
אויף שמחה. אויף אומעט.
אויף טרער.

קלייבט זיך אויף בחברותא
ביימער און צווייגן און גראָזן,
קומט אַלע אַהער.

כ'וויל אייך דערציילן אַ מעשה
און שאַ —
און שטיל.

אַ ליד כ'וויל אייך זינגען
מיט שכל. מיט חסד.
געפיל.

כ'וויל בויען אַ לייטער,
זאָלן די שטאַפּלען צו אמת
דיך פירן.

כ'וויל בויען אַ היים
מיט אָפענע פענצטער
און טירן.

כ'וויל שטעלן אַן אוהל —
און אָפן זיין דאַך
צו די שטערן,

ביים אוהל — אַ טויב
און זי וועט מיין ניגון
דערהערן.

כ'וועל אָפּשטויבן שטויב
און ווייזן מיין רייכקייט
אין נויט,

מיט האַרציקער ליבשאַפט
כ'וועל דאַווענען מנחה
דאָרט הינטערן פלויט.

ווייל איך דאָס ליד
זאָל גיין דורך מיין לעבן
פאַרביי:

דורך טעג און חדשים
און יאָרן — ערלעד,
געטריי.

אַ ווייסער שניי

אַ ווייסער שניי אויף מיין זכרון.
ווייס דאָס פעלד און ווייס דער זאַנג.
אויף דעם וועג פון מיינע יאָרן
אַ ווייסער שניי באַגלייט מיין גאַנג.

ער העלפט מיר אָפּזאָגן מיין יזכור,
ער העלפט די גאַרבן־טעג מיר בינדן.
כ׳זע זיין ווייסקייט, כ׳הער זיין פליסטער,
די יאָרצייט־ליכט ער העלפט מיר צינדן.

אין פעלד די שניטערס שניידן קאָרן,
אין שטוב דער טאַטע ציילט די שטערן
און איך נעם מיט מיין בינטל יאָרן
און מיין מאַמעס זעק מיט טרערן.

אַלטע הייזער, אַלטע דעכער,
ווייסער שניי פאַלט שטיל כסדר.
מיין טאַטנס שטערן פאַרקריכט נאָך העכער
און פאַלט אַראָפּ אין ווייסן חדר.

אַ דינער שאָטן — ווי אַ קרוין,
קריכט אַריבער מיין טאַטנס שוועל.
מיין מאַמעס פנים קומט צוגיין —
צעשיט זיך ווייסער שניי, ווי מעל.

רעד איך מיט מיין טאַטנס לשון,
היט איך אויס מיין טאַטנס שם.
קיינער האָט דיין ליכט פאַרלאָשן,
דיין דינער שאָטן אויף מיין ברעם.

אַ ווייסער שניי — ווי טראָפּנס טוי
פֿאַלט אַראָפּ אין טיפֿן טאָל,
ווערט מיין חלום ווידער בלוי,
קלינגט אין חלום אָפּ דיין קול.

דעם ווייסן שניי כ׳וויל היינט באַשרייבן,
כ׳זע אים אין מיין טיפֿן שלאָף,
מיט מיין טאַטן כ׳וויל פֿאַרבלייבן,
מיט מיין מאַמען אין אין־סוף.

פֿון ווייסן שניי די ווידערקולן
קלינגען־אָפּ אויף מיינע שויבן.
כ׳וויל מיין ליד זאָל היינט באַצאָלן
פֿאַר מיין חלום, פֿאַר מיין גלויבן.

כ׳וויל מיין ליד זאָל היינט מיר זאָגן,
ווי זעט אויס אַ ווייסער טויט ;
ווי קען צער צו הימלען טראָגן
ווען דער ווייסער שניי צעגייט.

דער נאַכטיקער זייגער — אָפּגעשטעלט,
מיין ליד קריכט־אום מיט מידן טראָט.
ווער האָט היינט אויף גראָער וועלט
געזען אַ מענטש שפּאַצירט מיט גאָט ?

דער ווייסער שניי — אַ ווייסער טויט,
אינמיטן נאַכט כ׳פֿאַרנעם די טריט.
אַ ווייסער שניי ליגט אויסגעשפּרייט
אויף מיין נאַכטיקן געמיט.

די נאַכט מיין ליד גיט הײנט אַ גלעט
ווערט רויט מיין וואָרט אויף חורבה־ווענט.
דער ווייסער שניי, אָט זעט נאָר, זעט
ליגט אויסגעשפּרייט אויף מיינע הענט.

צו אַלע שטורעמס

צו אַלע שטורעמס קום איך ווידער,
אין זאַוויערוכעס — מיין באַגינען.
וויל איך שרייבן מיינע לידער,
מוז איך זייער פייף געפינען.

געפּרוווט פון ווינטן זיין דערווייטערט,
כ'האָב פאַרהאָנגען אַלע שויבן,
האָט מיין לעבן זיך געלייטערט
נאָר ווען ווינט האָט מיינע טויבן
אויף אַלע וועגן ווייט פאַרשליידערט.

האָט געזאָגט צו מיר מיין לעבן:
נאַר דיין טאָג אָפּ, נאַר אים, נאַר אים,
זעץ אַוועק זיך דאָ דערנעבן,
ווייט פון אומרו און געליאַרעם.

זאָל מיך גאָט היינט ניט באַשטראָפן:
אַ ווינט מיט פלאַמענדיקע ריטער,
איז מיין שלווה נאָכגעלאָפן
און פאַרבליבן איז געוויטער
אין מיין ליד אַ טרייער היטער.

האָב איך וויכערס אויפגעקליבן
און פון ווינט געוויין געזויגן,
איז מיין ליד מיט מיר פאַרבליבן
און זאַוויערוכעס אין די אויגן.

פרווו ניט, טאָג, מיט מיר זיך דינגען,
קריך אַריין אין מיין געמיט :
גיב מיר כח איך זאָל זינגען,
צי וויל איך יאָ, צי וויל איך ניט.

ירושה

אין מיין חורבה־היים פאַרקלאַמערט
אין ירושה שטאַרק פאַררינגלט.
אויף מיין נעכטן קלאַפּט מיין האַמער,
פון מיין טאַטנס קוואַלן כ'טרינק.

די שיריים כ'וויל אויפקלייבן
פון מיין מאַמעס גרויס פאַרמעג.
ביי איר שוועל כ'וויל היינט פאַרבלייבן
העלפן טראָגן איר געפעק.

די שיריים פון איר מי
פון די נעכט אָן פרייד, אָן רו.
אַלע ברכות אינדערפרי
זאָלן קומען ערגעץ ווו.

און זאָלן זיי אַרום־אַרומעט
צינדן ליכט אין ליד און וואָרט,
זאָלן זיי ווי אַ נר־תמיד
ברענען ד אָ מיט קנויט פון ד אָ ר ט.

זאָלן זיי מיט שטריק פון טרעגער
בינדן ביי מיין שוועל — ז כ ר ו ן.
זאָל אויף יעדן שוועל, געלעגער
זינגען יענץ קול פון יאָרן.

אין די שטילע ד' אמות
געדענק דיין טאַטנס אויגן, רייד.
דערמאָן די חכמה פון די מאַמעס
וועלכע האָבן טרוים פאַרזייט.

אין דעם ספרים־שאַנק, אין ווינקל,
האָט אַ פּייערל געגליט.
נעם דעם אוצר מיט זיין פּינקל
גיי אים נאָך מיט שטילע טריט.

נעם און נעם זיין דרש און סוד,
פונדאָסניי דער נס פון דאָרן.
אין דיין טאַטנס קאַראַהאָד
צי זיין ניגון לזכרון.

אין דעם אַלקערל דעם שמאָלן
עפן בלעטער געלע ווידער.
אויף די בערג און אויף די טאָלן
פונדאָסניי מיט זיינע לידער.

אין דער חשכות פון דער וועלט
קעגן צלמים פון נזירים,
אין דיין יידישן געצעלט
נעם זיין וואָרט און פיר עס.

פיר עס דורך דורך אַלע רוחות,
דורך די שטינקענדיקע שטאַלן,
דורך די אימה׳ס, זאַוויערוכעס,
פיר עס דורך צו דיינע קוואַלן.

זאָל דיין קינד דעם טאַטנס רעיון,
ווי אַ פאַקל טראָגן העכער.
זאָל זיין יידיש וואָרט באַנייען
מיט די שטערן אַלטע דעכער.

די באַלאַדע פון שינדל־דאַך

געפּענטעט ליגט אַ לעבן אויפן שליאַך.
די שטערן דעקן צו אַ שינדל־דאַך.

אַלע פּעדימער אַרויסגעריסן — פון דער קנויל.
אַ נאַכט שלאָפט אויפן שינדל־דאַך מיט אַן אָפן מויל.

אין מויל אַ שטיק וועלט אין גרויע פאַרבן.
אַ לבנה קריכט אַרום און וויל נישט שטאַרבן.

קומט פּאַסנווייז אַ טאָג, ציט זיך שטומערהייט,
איינשלינגען די נאַכט, ווי אַן אַכזר, איז ער גרייט.

ער קריכט אַרויס פאַרשלאָפן פון נאַכטיקע גריבער
זאָגט אָן מיט חוצפּה: וועלט, איך בין די נאַכט אַריבער.

קומט אַ וואָלקן אָן מיט שוואַרצעוודיקע חנען,
הייבט אָן דער טאָג מיט נאַסע אויגן וויינען...

אפשר ניט געדאַרפט בויען מיינע בריקן
און מיט פּוסטער גאווה אַ שיינע נאַכט דערשטיקן?..

שטייט אַ טאָג און כליפּעט, שטייט אַ טאָג אין קלעם,
זוכט אַ ביסל ליכט באַלויכטן זאָל זיין שם.

לבנה׳ס אויפן שינדל־דאַך באַלייכטן מידע הויפן,
און די טעג מיט וואָלקנס הייבן אָן אַנטלויפן...

בייטן זיך משמרות: אַ טאָג, אַ נאַכט, אַ טאָג
לויפט זיי נאָך אַ לעבן מיט אימה אין געיאָג.

פלוצלינג אַלע שינדלען פון דעם דאַך אַרונטער
אַ שוואַרצע פאָן זאָגט אָן דעם ווינט : איך גיב זיך אונטער.

טרויעריקע פערד שלעפן דיר דיין אָרון
שינדלען פון דיין דאַך באַגלייטן דיינע יאָרן.

שטענדיק

ווען דער ים שפּריַיט־אויס זיַינע רחבותדיקע הענט
און נעמט מיך אַרום מיט אַ שטראָם נאָך אַ שטראָם,
זע איך פונוויַיטנס צעבראָכענע ווענט,
אַ לעבן שריַיט הויך אויפן קול פון תהום.

ווען דער ווינט אויף די פעלדער קומט־אָן אַנטקעגן
און נעמט מיך אַרום אָט סתם זיך אַזוי,
זע איך צעשניטענע גופים אויף וועגן,
הער איך פון הימלען נאָך זייער געשריי.

ווען אַלע לאַמטערנס אויף גאַסן צעלאָשן,
זוך איך דיַין לויטערע האַנט און געזיכט,
ווער האָט דיַין לעבן צעמאָלט און צעדראָשן,
ווער האָט פאַרלאָשן אויף אייביק דאָס ליכט?

ווען נאַכטיקע קעלטן, ווי שניַידיקער מעסער,
שניַידן אַריַין זיך אַלץ טיפער און טיפער,
ווערט מיַין וויַיקער אומרו אַלץ גרעסער און גרעסער
זוכט מיַין לאַמטערן אויף דנאָען דעם דערטרונקענעם שיפער.

איך וויל ניט דיַין חסד, איך וויל ניט דיַין שכר.
דער ווינט און דער שטורעם דערציילן כסדר.
איך ווייס וואָס עס קומט אַ בן אדם דערפאַר,
נאָר דיך, אָ אַלמעכטיקער, כ׳קען ניט משפטן... ליידער...

אַ זומער אַ באַגרינטער

אַ זומער אַ באַגרינטער.
געמיינט — ס'וועט אייביק אַזוי זיין.
איז אָנגעקומען אַזאַווינטער,
אַלע גראָזן אין נעפּלען ווייט־פאַרשוווּנדן,
אַלע וועלדער — אין פלאַמען אָנגעצונדן.

אַ זומער אַ באַגרינטער.
געגלויבט — דער טאָג וועט איבערלעבן אַלע שקיעות.
שטייט ער אַ צעבראָכענער און רינט ער,
ווי געוויינען אויף אומעטיקע וויעס.
פאַרגאַנגען אין מרחקים אַלע זונען
דאָך האָב איך אַ ברעקל ליכט דאָרט אָפּגעפונען:

ערגעץ טיף אין אַ ווינקל
פון מיין האַרץ
האָט זיך צעפינקלט
אַזאַ גלויבן:
ס'קומט אַ זומער אַ באַגרינטער.
ס'קומט אַ ווייסער שניי אין ווינטער.
דאָס אויג דיינס בגילופין.
אויף אַלע צווייגלעך שטייען פייגעלעך און רופן:
קומען וועט צו אונדז אַ זומער אַ באַגרינטער,
און קינדער וועלן שפּילן זיך מיט ווייסן שניי אין ווינטער.

נאָענט איז דער נעכטן

אַ נאַכט וועקט מיך אויף מיט אַ ווילדן צאָרן,
אַ חלום — אַ פּלאָנטער רייסט אָפּ זיך פון קייט.
אַ גלאָק פונדערווייטנס קלינגט־אויס אַ זכרון.
אַ סטרונע פאַרשווייגט שטומערהייט.

אַ געשריי פון דעם נעכטן — אַ שטיין אין דיין גאָרטן,
די שקיעה פאַרגאַנגען ווייט־ווייט באַרג אַראָפּ.
געקומען אַן אורח פון בלוטיקע פּאָרטן —
אין זאַק אַ של־יד, אַ של־ראש און אַ קאָפּ.

פון וואַסערן ווייטע אין ווייסן געהילט —
(דיין חלום זעט קלאָר, ווי ס'צאַפּלט דער זאַק,
אַ מערדערישע קויל אין זיין גוף האָט געצילט,
צופוסנס פוןביימער, צופוסנס פון באַרג.)

פון וואַסערן ווייטע, פון ווייטע מקומות,
געקומען דער דמיון אין נאַכט זיך פאַרביסן,
פון דראָטן, פון גריבער געקומען חלומות,
געבראַכט מיר די בגדים מיט טויזנטער ריסן.

אָ, נאָענט איז דער נעכטן און שאַרכיק זיין גאַנג,
אין נפש ער שפּאַנט ווי אַן אורח אַ מידער.
ער קומט צו מיין טיש מיט זיין ניגון, געזאַנג,
ער קומט צו חברותא מיט פלאַם און מיט לידער.

אָ, וועבער פון טעג, פון נעכט און פון יאָרן,
אָ, פישער, דיין שוויגן ווי אימה אין גלאָק,
מיין חלום פאַרשרייבט פאַר מיר לזכרון
די שפּרינקעלעך בלוט אויפן זיידענעם ראָק.

די נאַכט וועקט מיך אויף מיט אַ ווילדן צאָרן :
גיי אַרויס פון דיין חלום אויף זוניקער פריי :
נאָר טראָג ווי אַ דיכטער דעם סנה און דעם דאָרן,
דאָס פּנים פון נעכטן טראָג גלויביק און טריי.

גלויבן אין ליד

נאָר ווען אַ ליד איז נאָענט צו דיין לייב
ווי אַ העמד,
ביסטו קיינמאָל אין פאַרנאַכטן ניט אַליין,
אויב אַפילו דו ביסט אין דער פרעמד.

נאָר ווען אַ ליד איז דיר נאָענט
ווי דער וואָרצל דער בלעטער־קרוין,
בלייבסטו קיינמאָל ניט אַליין
אין דיין צער, אין געוויין.

נאָר ווען אַ ליד איז דיר נאָענט
ווי די גאַנצע וועלט,
בלייבט דיין פרייד ניט אַליין
אין דיין אָרעמען געצעלט.

נאָר ווען אַ ליד רוישט אין בלוט
ווי דער וויין אין דעם בעכער,
וואַקסן ראָזעס אין דיין גאָרטן
אַלץ העכער און העכער.

נאָר ווען אַ ליד איז דיר נאָענט
ווי דער מאַמען איר קינד —
ביסטו ריין ווי בלאָער הימל,
וואָס איז אָקערשט געוואָרן אויסגעקושט פון ווינט.

נאָר ווען אַ ליד איז דיר נאָענט
ווי טרערן די אויגן,
לויטערט זיך דיין לעבן
ווי אַ העלער רעגנבויגן.

אין בלויקייטן פון הימל־ברעגן
וואַרט מיין ליד אויף מילדן רעגן.

האַרבסט

האַרבסט —
אַ לעבן פון יאָרן פאַרשלונגען.
געלע בלעטער — ווייט פאַרטראָגענע פון ווינט
ווײַנען אײַנזאַם, ווי אויסגעלאָשענע פייער־צונגען,
ווי אַ קינד
פאַריתומט פון זײַן מאַמען.

האַרבסט —
שטייט אַ בוים אײַנגעשרומפּן אין טרויעריקער שקיעה,
ווי אַ מענטש אין זײַן לעצטן טאָג.
ווי אַ געהאַנגענער אויף אַ תליה.
נאַסע בלעטער דערציילן סודות פון אַ בוים
און אַנטלויפן אין ווינטיקן געיאָג.

האַרבסט —
אומעטיקע אויגן פון אַ בן אדם.
ווי טויטע סקעלעטן אין ברונעמער.
קלייבן לעצטע שטערן אויף די פּחדים
פון דעם טאָג. זוכן אַ לעבעדיק אות. ווו איז ער ?
ניטאָ.
נאָר בלעטער אָרעמע. נאַקעטע. אין ווינטיקן געיאָג.

האַרבסט —
אַ בוים. אַ מענטש.
אָפּגעשמיסענע מיוחסים זינגען : געענדיקט.
געשטאָרבן הלכה.
געשטאָרבן לעגענדע.
קינדער זאָגן־אָפּ אַ פריילעכן קדיש
און מאַרשירן ווייטער.

• • •

דער טייך האָט מיר צווויסן געגעבן:
איך וויל ניט אַז אַ דאַמבע זאָל צוימען מיין גאַנג.
דער דיכטער האָט אויפגעשריבן אין זיין ליד:
איך וויל ניט אַז דער וואָלקן זאָל נאָכגיין תמיד
ווי אַ שאָטן מיין געזאַנג.

דער ים האָט אַלע מאַטראָסן געמאָלדן:
זאָלן די שיפן ניט פאַרשטעלן מיין ברעג.
(דער דיכטער מיט פעטיט האָט אויפגעשריבן:
זאָל דער אייביקער טרויער ניט נאָכגיין מיין וועג).

די פרוי האָט אין פרימאָרגן דעם שפיגל דערקלערט:
זאָלן די יאָרן ניט קנייטשן מיין שיינעם געזיכט.
(דער דיכטער האָט זיך געבעטן אין זיין ליד:
היט־אויס אין די שטורעמס דיין ליכט).

לאָמיר היטן די יונגקייט פון טייך, פון ים און פון פרוי,
זאָל דער דיכטער זיין פרייד אין זיין ליד אַלע יצורים פאַרטיילן.
לאָמיר היטן אויף בלעטער פון מאָרגן די טראָפּעלעך טוי,
אין שער בת יחיד לאָמיר פון גאָלדענע שקיעות דערציילן.

אומרו

דער שטראָם אין דעם ים אַנטלויפט אין מרחקים,
כוואַליעס אין כוואַליעס ווערן פאַרשוווּנדן.
אַ דיכטער ביי ברעגן קומט־אָן מיט זיין חלום
און קוקט ווי די שטערן האָבן הימלען געצונדן.

אין הפקר־געלאַף וווּהין רייסטו זיך שטראָם?
הער ווי אין בערג דיינע אָפּהילכן רופן.
שטיי איך פאַרוווּנדערט און קוק אויפן ים:
הימל און ערד אין שטראָם בגילופין.

שטיי איך פאַרוווּנדערט, אַ וועלט מיט דמיונות,
אויפן רוקן פון שטראָם — אַ טראָפּנדל קווועלט.
שניידט ער מיט גבורה אַריין זיך אין חלום,
טרינקט זיך דער דמיון אין ימיקער וועלט.

וווּהין לויפסטו, אָ, שטראָם? — צו גאָלדענע שקיעות,
צו טייכן, צו ימים, און אפשר צו תהומען?
ווער וויל דיך פאַרשלינגען, ווער וויל דיך צאַמען,
ווער קען אויסמעקן פון ימען דיין נאָמען.

אַ שטראָם אין דעם ים אַנטלויפט אין מרחקים,
מיט אומרו און ציטער, מיט אימה און פיבער.
לויפט־נאָך דער חלום דעם שטראָם ווי אַ וויכער,
טוקט זיך די אימה אין כוואַליקע גריבער.

בלייב איך פאַרגאַפט אין דער בלויקייט אַרום,
דער דיכטער אַנטלויפט צו ווייטע פאַרטאָגן.
פאַרברודערט מיט רעגן, מיט שטורעם, מיט ווינט
וועל איך דעם אומרו פון שטראָמען דעריאָגן.

מיין שטח

מיין שטח — אין תחום פון שכל, געפיל,
פאַרצאַמט מיט תפילה, געבעט.
אַ בינטעלע לידער אין אַלקערל שטיל,
אַ וואַרעמע האַנט פאַר אַ גלעט.

מיין שטח — אין תחום פון אומרו און פלאַטער,
פאַרצאַמט מיט שמייכל, געוויין.
אַוועק דער רויקער, זאַטער,
אויפן טיש נאָר דער הונגער אַליין.

מיין שטח — דיין חסד, דיין חן,
דיין האַרץ אין צאַפּל, אין קלעם,
דיין טראָפּנדל וואַסער — ווי ריין,
ווי ערלעך דער קלאַנג פון דיין שם.

מיין שטח — דיין וואָרט אין פאַרנאַכטן, דיין גנאָד,
דיין אמת — ווי זויבערער קוואַל,
דיין וואָלקן פאַרהילט אין אַ סוד,
דיין שמייכל — ווי זילבערנער שטראַל.

מיין שטח — דיין קלאָרקייט אין ניגון, אין רייד,
לויטער דיין נפש, געמיט,
דיין וואָרט אין צער און אין פרייד
קושט די שורות פון אומרו אין ליד.

מיין שטח — אַ פייער אין הימלען, אַ פלאַם,
אַ קול אויף די גאַסן און ראָגן,
אַ כוואַליע אויף ברויזיקן ים,
שקיעה וואָס צינדט די פאַרטאָגן.

מיין שטח — פונדאָרטן, פונדאַנען,
געקליבענע זאַנגען אויף בייטן,
מיט מילך זענען פול אַלע קאַנען,
צו שמחות מיין טאָג טוט זיך גרייטן.

מיין שטח — אין זיין און אין ווערן,
אין גאַנג פון די יאָרן פאַרקנאָטן,
אַ געזאַנג צו די ליכטיקע שטערן,
מיין פאַרזיי זאָל זיין היינט געראָטן.

מיין שטח — מיין יום טוב, מיין וואָד,
אַ ברית מיטן לעבן פאַרשניטן.
טיפער דיין אויער צו שאָרך
פון אַלע וואָס האָבן געליטן.

מיין שטח — איך האָב אים געפונען
צווישן דעם ים און מיין ערד.
כ׳האָב אים דערזען אין די זונען,
כ׳האָב אים אין ניגון דערהערט.

מיין שטח — אין ליכט פון באַגינען,
אַ חלום, אַ שיינע לעגענדע.
זאָל מיר דער דמיון נאָר דינען
ביז מיין טאָג וועט מיר זאָגן: געענדיקט!

אַ ליד

ווען מיר האָבן זיך צום חלום צוגעריירט,
איז דער טאָג געוואָרן קלאָר ווי זיבן זונען.
מיט רמ״ח מיר האָבן גלייך דערשפּירט,
אַז מיר האָבן זיך אַליין געפונען.

ווען מיר האָבן זיך צום פייער צוגעריירט,
זענען שטערן אונדז פאַרלאָפן ווייט דעם וועג.
מיט שס״ה מיר האָבן גלייך דערשפּירט,
אַז אין נעכטן ליגט דער ניגון פון די טעג.

ווען מיר האָבן יעדן טאָג און נאַכט באַזונדער,
געגלעט מיט ליד, מיט חלום און מיט וואָרט,
האָבן מיר דערשפּירט אַז ערגעץ ליגן וווּנדער,
נאָר מיר ווייסן ניט ווי קומט מען צו דעם אָרט...

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן פון דעם שטורעם,
און אונדזער ליד אין אים געפרוּווט פאַרקניפּן,
האָבן מיר דערזען דעם אַלטן איוב פון יסורים
מיט אַ קללה צו דער וועלט אויף זיינע ליפּן.

ווען מיר האָבן זיך פון נעכטן שטאַרק דערווייטערט,
האָבן קולות אָנגעיאָגט אונדז פון די גריבער:
ניין, דו וועסט ניט קיינמאָל זיין באַנייטער און באַפרייטער
אויב דו וועסט די שוועלן פון דיין נעכטן לייכטזיניק אַריבער.

ווען מיר האָבן אויסגעמיטן אונדזער גאָרטן,
זענען אַלע עפּל־ביימער ברוגזע געשטאַנען:
ניין, דו קענסט נישט און דו וועסט נישט אַנטלויפן פון דעם דאָרטן
דיין דאַך שטייט נאָך היינט אין רויכערדיקע פלאַמען...

ווען מיר האָבן אויסגעמיטן די אָפּגעהאַקטע צווייגן,
האָבן מיר געהערט דעם וויינענדיקן וואַלד,
אין אונדזער שטומער נאַכט פון שווייגן
האָט צערעוועט זיך געוואָי:
ג וו אַ ל ד!

איך היט דאָ געוויין

איך היט דאָ געוויין
אויף דיין ערד
און היט דאָ די שטערן.
איך בין דאָ אַליין
אין זיין און אין ווערן
און היט דאָ מיין טראָט
פון צווייפל, אמונה
אין מענטשלעכן גאָט.

איך היט דאָ אַליין
און איך וואַרט:
אפשר וועט קומען צוגיין
דער שומר פון וואַלד
און וועט זאָגן אַזוי:
אויף זיין פערד
און זיין וואָגן
האָט זומער אַ בינטעלע פרייד היינט צעטראָגן
און פאַרזייט אין דער ערד.

איך היט דאָ אין קלעם:
אפשר וועט עמעץ־ווער
קומען און זאָגן: אָט, נעם
דאָס אַלץ איז פאַר דיר.
קיינער דיין רצון קען שינדן
און בינדן;
דו ביסט דער מושל
אויף שטורעמס און ווינטן,
דו ביסט דער הערשער
אויף ימים און טייכן,

קיינער וועט היינט זיך
צו דיר ניט פֿאַרגלייכן.

איך היט דאָ דיין שוועל.
איך היט דאָ דיין הויז.
איך וואַרט עס זאָל קומען
אַ מענטש מיט באַפֿעל:
אין גאַסן אַרויס,
צינדט לאַמטערנס
און ליכטיק זאָל ווערן —
קיין טראָט ניט צוריק:
עס וואַרטן אויף זונען
אַ פּיצל אין וויג,
אין אַלקער — אַ זקן,
אַ קינד אַ דערשראָקנס, —
קיין טראָט ניט צוריק.

איך וואַרט אויפֿן ראָג.
אפֿשר וועט קומען
אַ מענטש מיט אַ גלאָק
אַ בשורה צו קלינגען
דער נאַכט און דעם טאָג,
אַ בשורה פֿאַר בוים
און פֿאַר בייטן
פֿאַרזייטע,
אַ בשורה פֿאַר היים
און פֿאַר וועגן פֿאַרשנייטע:
ס'זאָל איינער דעם צווייטן אַ פּעניצל געבן,
אַ פּעניצל ברויט
צו דערהאַלטן ביים לעבן.

איך וואַרט אין פאַרנאַכטן.
אפשר וועט עמעץ ווער קומען
פון שאַכטן,
ווי חושך פאַרוויקלט די פינסטערע דירות
און בראָנדזענע יונגען
מיט גלויבן און שירה
פאַרשרייבן זיי וועלן
ווי דיכטער רעצעפּטן:
זאָל חלום אויף ליכטיקע שוועלן
פאַרנעמען דאָס אָרט
פון דיין טאָג דעם געקעפּטן.

אָ, מידקייט פון לעבן,
אָ, איינזאַמער מענטש.
איך האָב דיר געגעבן
אַ דמיון. אַ חלום.
איז בענטש
אויף די ליכט פון דיין אומרו
און זאָג: שטאָל אים
און שטאָל אים.
ביז דיין וואָרט און דיין אות
וועלן אויפרייסן הימלען
און מיט ליכט דיין חצות.

אָ, אומרו־פּאָעט,
ס'האָט דאָ דער שטורעם
מיט זיין האַנט דיך געגלעט.

קערנער פון דיין זריעה

כ׳האָב אויף פעלדער אין מיין יוגנט
אַ קערנדל פאַרלאָרן.
קומט די בגרות אין מיין שייער
מיט אַ ביסל קאָרן.

כ׳האָב אויף סטעזשקעס אין מיין יוגנט
פאַרלאָרן מיינע טריט.
קומט די בגרות און ברענגט מיט
אַ קויש מיט פולן שניט.

כ׳האָב אין בלאָנדזען דאָרט פאַרגעסן
אַ האַרץ און שיינע אויגן,
וואַרפט די זון הײנט אין מיין צימער
אַ העלן רעגנבויגן.

וואָס דו האָסט פאַרגעסן
אויף בערג און שיינע טאָלן,
אין גאַנג פון דיינע יאָרן
וועט דיר דער טאָג באַצאָלן.

קלייב און קלייב און קלייב
פרייד און טרער און צער.
די קערנער פון דיין זריעה
צאָלן פולן שכר.

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן,
ווען עס וועלן קומען אומעטיקע צייטן?

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן,
ווען די הוראַגאַנען וועלן אָניאָגן פֿון אַלע זייטן,

און אומעטיקע קאַנאַריקלעך וועלן זינגען אַזוי,
אַז בלאַס וועט זיין דיין קרעכץ און בלאַס דיין ווײ.

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן,
ווען די שקיעות וועלן אָנקומען פֿון אַלע זייטן,

און פֿינצטערניש אויף פֿינצטערניש, ווי אימה׳דיקע פֿגרים,
פֿאַרשלינגען דעם מזרח, דעם מעריב, צפֿון, דרום.

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן, ווען אויף זונען אַלע פֿלעקן
וועלן אונדזער שמייכל אָנטרינקען מיט שרעקן,

און אַ קינד אויף גאַסן וועט בלייבן שטיין אַליין
אויסהערן אין שטורעם זיין געוויין...

ווער וועט אָנקומען און זאָגן: כ׳בין דאָ.
דער מאָרגן וועט פֿאַרהיטן דיין אויסגעלעבטע שעה.

ביזט געווען. ביזט דאָ. וועסט זיין.
דער מאָרגן וועט נאָך טרינקען פֿון דיין זכרון־ווײַן.

ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן אין פֿינצטערן אַרום,
ווען דער טויט וועט אָנקלאַפּן אין טיר און זאָגן: ק ו ם.

אומעטיקע ווערטער. אומעטיקע קלאַנגען.
ווער וועט אונדז פֿאַרבייטן, ווען דער סערפּ וועט אָפּשניידן די זאַנגען?

ווערט פֿאַרלאָרן...

ווערט פלוצלינג פֿאַרלאָרן דיין קול אין דער נאַכט,
הענגט ער אַוודאי אויף שטערן, און וואַרט אויף דיין תפילה.
שטעל זיך אַוועק מיט דיין אָפענעם תהילים און זאָג:
איך וועל דיך געפינען, מיין קול
מער לויטער,
מער קלאָר
און אויסגעוויינט.

ווערט פלוצלינג פֿאַרלאָרן דיין ניגון אין נאַכטיקער שקיעה,
הענגט ער אַודאי אויף בלויע כוואַליעס פון ימען
און איז אַוועק צו שטילע טייכן
טרינקען.
ווייל דורשטיק איז דיין ניגון. דורשטיק.
שטעל זיך אַוועק מיט דיין אָפן האַרץ און זאָג:
איך וועל דיך געפינען מיין ניגון
אַ האַרציקן,
אַ ליכטיקן,
אַ ריינעם.

ווערט פֿאַרלאָרן דיין לעבן אין שטורעמס,
גיי אַריבער א י ר שוועל, קלאַפּ־אָן אין א י ר טיר,
גיי אַריין און קוש אויס א י ר ע אויגן,
וועלן די שערבלעך פון טעג ווערן גאַנץ
ווי אַ קרוג — און פול מיט וויין וועט זיין דער טאָג,
גרייט צו ווייטערדיקע שטורעמס.

דער מקור פון ליד

אַנטקעגן אַ ליד —
דער פּלאָנטער פון וועלט.
טויזנטער שניטער אויף לאָנקע
און פעלד ;
טויזנטער זינגער אין היץ
און אין קעלט.
אָפענע הערצער — מיט מאַסקעס
פאַרשטעלט.

אַנטקעגן אַ ליד —
אַ פּלאָנטער. אַ סְבַך.
פון רייכע און זאַטע און
שטרויענעם דאַך.
פאַרדרעמלט אין חלום און אייביק
אין וואַך.
זיי זוכן. זיי טאַפּן. זיי ווילן
אַ סך.
מאַט שרייט די שקיעה. געענדיקט
דער שאַך.

אַנטקעגן אַ ליד —
דער פּלאָנטער פון יאָרן.
אַ בלום אויף די בייטן, אַ שטעכיקער
דאָרן.
אַלץ צו פאַרגעסן און אַלץ
לזכרון.

פאַרשפּילט אַ פאַרמעגן, אַ רגע
אָפּשפּאָרן,
דער שניטער זאָל קענען אין שייער
זיין קאָרן
צעדרעשן און זאָגן: ס'איז ליכטיק געוואָרן.

אַנטקעגן אַ ליד —
אָ, איינזאַמער גאָט,
ווער בין איך: אַ דיכטער מיט אימה
אין טראָט.
איך קייקל מיט ניגון אַ ווייקן
ראָד —
וויל הערן, פאַרנעמען דיין וואָרט
און דיין סוד
נאָר ווייט איז דיין חסד און קליין
דיין גענאָד.

דער מקור פון ליד —
דער סְבַך פון דער וועלט.

זיבן העמדער ווי די בעכער

זיבן העמדער ווי די בעכער,
יידיש־זינגער קלעטער העכער.

ס'איז מיין פאָלקס־ליד ניט פאַרלאָרן —
טיף אין האַרץ און אין זכרון.

ס'איז די פּאַווע ווייט פאַרפלויגן
אין די שוואַרצאַפּלען פון אויגן.

דרייען זיך די רעדער אייביק
פון בראשית ביז ה. לייוויק.

קומט דער פּאַסטוך צו די רינדער,
קומט דער רבי צו די קינדער

און פונסניי — די זיבן העמדער
נעם פון אוצר, זינגער, נעם דיר.

און: אלה תולדות נח
פון פאָלקס־ליד האָט מען כח,

ווייל פאָלקס־מענטש איז דער עיקר,
פון פאָלקס־ליד ווערט מען שיכור.

איז העמערל, העמערל קלאַפּ,
פון גאַס דיינע גראַמען פאַרכאַפּ

און אונטער דער טיף פון דיין לאָפּעטע
זינגט דער ניגון פון שוסטערלס קאָפּעטע.

און זאָל די פֿאַווע הײַנט נאָכאַמאָל װיסן
װי דאָס פֿאָלק טוט איר האַרציק באַגריסן.

פֿון ימען, פֿון פֿלאַמען, פֿון דאָרט און פֿון הי
זוכן פֿאָעטן דײַן גאָלדענעם פּלי.

זיבן העמדער װי די בעכער,
דעקט מיט ניגון צו די דעכער.

אַלטע דעכער טאַטע־מאַמעס
און פֿון קלויז דער אַלטער שמש

קוקט אַרויס אין מיטן גאַס
און די אויגן זײַנע נאַס.

װײַל דאָס ציגעלע דאָס װײַסע
האָט אים צוגעזאָגט אַ מעשה:

קולבאַקס ציגעלע פֿון שיר
ברענגען צו אַ לאַנד (ציטיר בילעצקי עס פֿאַר מיר:)
'אַ לאַנד, אַ לאַנד, —
װוּ אינדן לויערן אויף אַלע בערגעלעך,
װוּ ס'שלאָפֿט דער בופֿלאָקס לעם װיזלטיר
אַ לאַנד, אַ לאַנד
אַ ציטערדיקע, אַ פֿאַרחלומטע,
װאָס קאָן פֿאַרלאָרן גײן פֿון יעדן ריר״

פאָלקס־ליד,
לאָמיר אויפבלאָזן דיינע פונקען פונדאַסנייַ
ערלעך, אויפריכטיק און טריי.

לאָמיר אויפלעבן דיין אָטעם אין אַ שיר
זאָלסט אויפבליען פון גערטנערס באַריר...

זיבן העמדער ווי די בעכער,
דעקט מיט ניגון צו די דעכער.

נאָר איינמאָל דיר זען

נאָר איינמאָל דיר זען
אין טלית געהילט,
נאָר איינמאָל דיין ניגון דערהערן.
כ׳וועל שווייגן, ווי פליגלען אין אַ חרובן מיל,
שטום וועל איך זיין, ווי פאַרלאָשענע שטערן
און בויגן מיין קאָפּ, ווי אַ בוים
נאָך אַ שטורעם.

נאָר איינמאָל דיר זען
אין טלית געהילט.

נאָר איינמאָל דיר זען
אין דיין צער. און בלינד
אַלע וועלטן אַרום.
ווי אַ קינד
וועל איך שטיין און קושן דיר שטום,
קושן דיין שטילקייט, דיין שיין.
ווי אַ וואָרצל אין טיפן
אין דיין וואָרט כ׳וועל אַריין,
און קושן דיינע באָרוועסע פיס,
ווי אַ צווייג קושט די ווונדן
נאָך שטורעם.

נאָר איינמאָל דיר זען
אין דיין צער.

נאָר איינמאָל דיר זען
די אויגן, די גרויע, ווי כוואַליעס אויף ימען.
קוקן און נאָכגיין פאַרשניטענע יאָרן.
נאָר איינמאָל דיר זען און לעשן די פלאַמען
וואָס ברענען אַרום ווי אין מדבר דער דאָרן;
באַנעמען דיין קידוש אויף וויין און אויף חלות
און הערן געוויין פון דיין טלית
און דלות.

נאָר איינמאָל דיר זען,
די אויגן די גרויע.

אָ, גאָט פון מיין היים,
ניט פאַרדעק מיינע קברים.
רייך זייער ניגון
נאָר איך אַזוי אָרים.
אין איינזאַמע טעג זאָל מיין ניגון באַגלייטן
פאַרלאָשענע ליכט
צוקאָפּנס פון טויטן...

אָ, גאָט פון מיין היים
ניט פאַרדעק מיינע קברים.

סתו

ווי אַ הירש אַנטלויפט מיין טאָג
אין דעם וואַלד פון נאַכט און שטערן;
ווי אַן אינד אין דעם געיאָג
קושט מיין פרייד אויס אַלע טרערן.

ס'איז מיין שווייגן היינט אַנטרונען
און אַוועק צו די געשרייען.
ס'איז מיין שמחה היינט צערונען
און אַוועק צו אַלע ווייען.

אין אַ וויטן־ווייטן לאַנד
גייט פאַרברידערט ליד מיט שאָטן.
אויף די אויגן האָט אַ האַנט
שטייף פאַרשטעלט די שטעכל־דראָטן.

ס'האָט מיין שפיגל מיר געוויזן
ווו די שטורעם־ווינטן וואַקסן.
כ'האָבע געזען ווי יונגען־ריזן
טראָגן קאַרליקלעך אויף אַקסלען.

אויף די צער־און־טרערן־שוועלן
איז אַ וואַגאַבונד געשטאַנען:
וואַרטן וואַרט ער אויף באַפעלן:
ווּהין — מיט וועמען — דאַרף ער שפאַנען.

ווי אַ הירש אַנטלויפט מיין טאָג
אין דעם וואלד פון נאַכט און שטערן.
ווער קען, זאָג מיר, ברודער, זאָג
אַרויסרייסן פון האַרץ די טרערן.

לידער

לידער — ווי אויף האָרבן פון קעמלען
רייט אויף זיי דורך מדבריות
און זאָלן זיי
אין פרימאָרגן פרי
קניען פאַר דיר.
אַרויף אויף זייערע האָרבן וואַנדערן
אין גרין־פאַרצווייגטן גאָרטן:
ח ל ו ם.

לידער — ווי אין שפאַן אַ ניט־געצוימטע פערד
זאָלן זיי זיך רייסן דורך שיין
פון פענסטער, אויפפראַלן טירן
און דו — אין שטורעם
אַרויף אויף זיי — צו ווייטע ווייטע מרחקים
פאַרברודערט מיט ווינט, מיט שטורעם,
מיט אומרו.

לידער — ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה אַנטלויפט פון איר שטייג
און רייסט מיט מיט זיך איר וווּנד און ווײ —
לויף נאָך —
אויף וועגן דערנערדיקע און פאַרשטויבטע.
אויף רוינען שפּאַר־אָן דיין האַרץ און וואַרט
און זאָג:
אַ גוט מאָרגן דיר פאַרוווּנדעטע חיה פון שטייג.

לידער —

טראָג זיי מיט אויף אַלע דיינע וועגן :

נחתדיקע.

קרעציקע.

איינזאַמע.

ווי אויף יעקבס לייטער קלעטער אויף זייערע שטאַפּלען.

צום הימל פירן זיי ניט,

נאָר ווייט פון דער ערד, ערגעץ־וווּ

אין קיינעמס לאַנד —

דאָרט קני און בענטש אויף פליגלען פון לידער.

פידלער, קום

פידלער, פידלער, ברענג דיין פידל
מיט דיין בויגן און דיין האַרץ.
שטיל. שטיל.
פאַרצי דיין בויגן אין מיין גראָען אַלקערל
און שפּיל.

שפּיל — ווי דער האַרבסט,
ווי דער ווינט,
ווי אַ טרער
פון אַ קינד,
ווי מיין ברודער ביים פאַלן,
ווי די בייטש מיט די קנאַלן. —

שפּיל —
ווי אַ מענטש אויפן ראַנד פון תהומען,
ווי אַן עלנדער שטיין.
ווי די אימה־געפאַר פון אַטאָמען,
ווי מיין טאַטנס געוויין
לעם דעם אָפענעם גרוב.

שפּיל,
פידלער, זאָל דיין בויגן זיין בויגיק און וואַך
און דיין ניגון אין ווייאיקן כרך,
זאָל אַוועק צו דעם איינזאַמען בעט פון קבצנים
און קומען
צו ד' אמות
פון אָרעמע תחומים
פון איינזאַמע מאַמעס,
און זאָל זיי דיין ניגון אַ האָפענונג שענקען.

ווייל אַנדערש, אָ, פידלער,
עס דראָט אַ סכנה זיי זאָלן ניט בענקען
נאָך זון און נאָך דאַך און נאָך קינד.

איז שפיל —
און זאָל זיי דיין צי פון דיין בויגן
אין חורבות פאַריאָגן,
געוויינען און צער
און פאַראומערטע פלאָגן, —
און זאָל זיי דיין בויגן פאַרשרייבן אַ זין
אַז די לאָנקע איז גרין
און אין פרדס נאָך זשומעט די בין.

שפיל, פידלער, מיין היים איז אין אימה פאַרקראָכן.
די צווייגן פון ביימער
צעריסן, צעבראָכן
פון שטורעמס און רעגנס.
זאָל דער גאָט פון דעם חורבן מיין היים מער ניט
שטראָפן.
שפיל.
כ'בין מיד פון די סופן.
כ'וויל ליכט און אַ טאָרבעלע האָפן.

אָ, פידלער, קום אַהער מיט דיין פידל און זאָג:
אויף יעקבס לייטער דראַפעט זיך אַ טאָג.
אויפן קאַרק
פון אַ שטיין
און אַ באַרג
קוועלט אַ קוואַל
און עס פליסטערט אַ שטראַל.

קום אַהער מיט דיין פידל, אָ, פידלער.
איך וויל זאָלסט פאַרשטיין:
ערגעץ דאָרט אויף אַן איינזאַמען ברעג
זיצט אַ מענטש און וויל ניט פאַרגיין.
זיין זון איז פאַרגאַנגען,
פאַרברענט
ער האָט דאָרט אויף וועגן זיין נעכטן דערקענט.

איז, שפּיל —
פאַר מיר און פאַר דיר,
זאָל דער נעכטן זיין וויאַיקן שיר
פאַרקלינגען אַ וועלט מיטן רעש.
זאָל דער נעכטן
אויף וועגן פון צער
פאַרשפּרייטן זיין אַש
צו דערמאָנען:
פידלער, היט־אויס דיין נאָמען.

שפּיל, פידלער, שפּיל.
דו מוזט מיך פאַרשטיין:
אויף דיינע טויטע פעלדער איך וויל ניט פאַרגיין.

אין בלעטער־פאַל

אין בלעטער־פאַל,
אין בלעטער־פאַל
ווערט דער הויכער טורעם קלענער,
שוואַכער דיין זכרון,
גראָ און גראָער ווערט דיין נאָמען.
נאָר שענער
ווערט דער חן פון אַלע יאָרן
און פרייליכער דער גאַנג פון אַלע שטראָמען.

אין בלעטער־פאַל,
אין בלעטער־פאַל
ווערט נידעריק דער דאַך
רויכערדיק דער טאָג
און טיפערער דער וויי.
נאָר קלאָרער נאָך און וואַך
ווערט דיין קול אויף יעדן ראָג
און דייטלעכער דיין שווייגן און געשריי.

אין בלעטער־פאַל,
אין בלעטער־פאַל
ווערט דיין ניגון שטום,
שרעקעוודיק דיין טרוים,
דאָס גראָז אין גאָרטן ווערט פאַרדאַרט.
נאָר אין טאָג־געבררום
הערט דיין אויער קוים:
ס'האָט דיך דער בלעטער־פאַל אין צויבער־קוואַל
פאַרנאַרט.

דאָס לעבן האָט שטענדיק זייטיקע כוונות

דאָס לעבן בילט ווי אַ הונגעריקער הונט:
חלום. חלום. בלויער דמיון.
בויט מיין ליד אַ ווייסער טאָג,
טראָגט ער ציגל צו מיין בנין.
קלאָג זיך ניט. דאָס לעבן האָט שטענדיק זייטיקע כוונות,
אָט ממש ווי אויף הימלען פאַרחלומטע לבנות.

דאָס לעבן טראָגט אַנטקעגן אַ פענעץ ברויט,
אַ ביסל מילך און אויף פעלדער פולע זאַנגען.
נעם דיין סערפּ און גיי אַ באָרוועסער און שנייד,
דער שניי אויף אַלע פעלדער שוין צעגאַנגען.
דאָס לעבן האָט זייטיקע כוונות. סודותדיקע היילן,
ווי קולבאַקס שמש גיי אַרויס אין דרויסן שטערן ציילן.

דאָס לעבן האָט זיין רו און זיין טיפן שטורעם,
זיין רעגן און זיין זון, זיין שניי און שאַרפן האָגל.
זאָג־אָפּ די תפילות פון דיין תהילים אויף דיין שוועל,
נעם דיין טאָרבע דמיון — ווייטער וואָגל.
דאָס לעבן האָט זייטיקע כוונות — ברענענדיקע קנוילן,
דער וועבער וועבט זיין פאָדעם אין שמחות און אין גרוילן.

דאָס לעבן טונקט זיין ברויט אין זאַלץ
און אַ מאָל אין בלוט, אָפּגעהאַקטע גלידער.
ניט שטענדיק קומט דער מדבר־רייטער צו זיין פּלאַץ
מיט ניגונים און מיט לידער.
דאָס לעבן האָט זייטיקע כוונות, סודותדיקע טריט,
נישט שטענדיק זאַמלט־אויף דער זייער זיין האַרעוואַניע־שניט.

דאָס לעבן גייט זיין גיכן גאַנג
און אַ מאָל: טראָט נאָך טראָט. פּאַוואָליע.
אַ מאָל זעסטו שוואַרצע קראָען פליען,
באַוויינען הימלען זייער דאָליע.
דאָס לעבן האָט זייטיקע כוונות — פאַרפלאָנטערטע, פאַרדרייטע,
ביסט געקומען זוכן לעבן — געפונען האָסטו: טויטע.

דאָס לעבן האָט אַזויפיל שאלות.
ווו דער אויסוועג אין מרחקים.
קוש אויס די ביימער אין דיין וואַלד
און אַ מאָל נעם דיין האַק און האַק אים.
דאָס לעבן האָט שטענדיק זייטיקע כוונות אויף טראָטואַר און
ראָגן, —
דאַרף איך דיר דערציילן דען, דאַרף איך דיר דאָס זאָגן?

אין יענעם יום הדין

אין יענעם יום הדין,
האָבן זיך אַלע צווייגן צעבראָכן.
נאָר דער וואָרצל האָט געזונגען:
כ'בין נאָך גרין. כ'בין נאָך גרין.

אין יענעם יום הדין
האָבן אַלעביימער געוויינט.
נאָר דער וואָרצל האָט געזונגען:
ווייטער לעבן שפּין. ווייטער לעבן שפּין.

אין יענעם יום הדין
האָט דער גאַנצער וואַלד געשריגן.
נאָר דער וואָרצל האָט געזונגען:
כ'בלייב און בין. כ'בלייב און בין.

אויפן אייביקן וואָרצל
וואַקסן ווייטער צווייגן.
סודות פון דעם לעבן
אויף זיינע גרודעס שטייגן.

אייביקער גוטער וואָרצל,
דיין בלייבן האָט אַ זין,
האָסט אויסבאַהאַלטן לעבן
אין יענעם יום הדין.

מיין קליינע כאַטע

צווישן אַלע פאַרבן,
כ׳זע מיין קליינע כאַטע:
זכרון, טאָרסט ניט שטאַרבן —
זאָגט צו מיר מיין טאַטע.

קומט ער מיט געוויין
און זאָגט צו מיר אַזוי:
מיט פאַרקריצטע ציין
זאָלסט טראָגן דיין געשריי.

ווו נאָר בוים און שטיין,
ווו נאָר וואָרצל, צווייג:
דערציייל זיי דיין געוויין,
דערציייל און שווייג.

און זאָלן קינדער וויסן,
אַז עס וויינט אין דיר
זכרון און געוויסן
פאַרקנאָטענע אין שיר.

אין דעם לויף, געיעג,
זאָג די קלוגע, זאַטע:
אויף אַלע מיינע טעג
ברענט מיינע קליינע כאַטע.

און אפשר שוין גענוג?
זכרון — שרייט דער טאַטע.
אין מיין קליינעם קרוג
פאַרחתמעט ליגט מיין כאַטע.

ווען דער וואַלד האָט אָפּגעברענט

אַ ברענענדיקער וואַלד. פלאַמען. פלאַמען. פלאַמען.
אַלע צווייגן אין מלכות פון דעם שייטער.
וויינט אַ קינד, מיט שטומקייט שרייט אַ מאַמע.
דורכן ברענענדיקן וואַלד לויפט אַן אָפּגעברענטער רייטער.

פון אָפּגעברענטן וואַלד — כחות ליכטיקע, געהיימע,
שניידן זיך אַדורך, ווי אָנגעשאַרפטע מעסערס.
באַזיגן מוזן זיי די פחדים און די אימה'ס,
אויפרייסן מיט כח צוגעמאַכטע שלעסער.

דיכטער. אָט גייען זיי אַרום ביחידות און אין גאַס,
זייער וואָרט ווערט אַלץ העלער. העלער. העלער.
אַ לעבן אויסגעקנאָטן פון ליבע און פון האַס,
נעכטיקן אויף הויכע טורעמס, נידערן אין קעלערס.

אין האַרץ אַ פענדזל. מאָלן. מאָלן. מאָלן,
אַ שטורעם אויפן ים, אויף פעלדער דאָרט אַ זאָמען,
אויף באַשנייטע בערג און אויף גרינע טאָלן
פאַרשרייבן זיי אַ ליד, דער אייביקייט — אַ נאָמען.

דעם הימל שוין צעפּאַסעוועט פּאַס נאָך פּאַס,
די ערד שוין אויפגעאַקערט — אַ קערנדל פאַרזייט.
אין אויגן: שנאה. ליבע. אין הערצער: משוגעת.
געפאַלן די מחיצה צווישן לעבן. טויט.

איינגעשלונגען טעג און נעכט. געוואָרגן זיך מיט יאָרן.
אויף שטורעמדיקע וועגן שפּאַנען זיי און שפּאַנען.
באַגלייט זיי ברענענדיקער וואַלד. באַגלייט זיי אַ זכרון,
ביים מתּן ליד־און־פייער זענען זיי געשטאַנען.

חלומות אין די טריט. לעגענדעס און משלים.
פיס — ווי יעקבס לייטער, אין הויכן שטאָלץ די קעפ.
דו וואַנדערער אין נעכט, צאָל דעם דיכטער, צאָל אים,
מיט דיין אימה עמערס פון זיינע קוואַלן שעפ.

צוזאַמען מיטן זינגער, דאַן זיכער פון פאַרראַט,
פון בגידה און פון מאָרד און אכזריותדיקן שכן.
צוזאַמען מיטן דיכטער, מיט זיין ליכטיקן כתב־יד,
אַ יום־טוב וועט דיר ווערן דיין גרויער אינדערוואָכן.

במעמקים. אין די טיפן. אין געהיימע היילן.
גיי אַראָפ און זוך דיין ליכטיקן באַגינען.
פון די טוכלע קעלערס, כ׳וויל דו זאָלסט דערציילן,
אַז מיין לעבן כ׳וועל אין ליכטיקייט פאַרשפינען.

גיב מיר היינט דיין האַנט. גיב מיר דאָ אַ סימן —
אַ רעגנבויגן אויף מיין מידער שטאָט.
העלף דעם מידן וואַנדערער מיט אַ ליד, אַ הימן
בין הבתרים אויפנעמען זיין צעקריגטן גאָט.

דיין וואָרט, דיין ניגון, טייער מיר, גאָר טייער.
אַ ליכט־זייל אויף אַ הויכן טורעם.
ווען אַרום געווען איז פייער. פייער. פייער.
האָט איוב פון תנ״ך געטרייסט מיט די יסורים.

ביסט געקומען מיר אַנטפלעקן, אַז זומערדיקע פידלען
אויף אַלע וואָלקנס שפילן־אויס אַ ליד אין יידיש,
אַז פויערן אויף פעלדער, מיט געזאַנג און רידלען
זייען לעבן פאַר מיין פאָלק בצוותא און יחידיש.

ביסט געקומען זיין דער וועגער און דער מעסטער,
וועלכער מעסט די טריט פון קינדער און פון זקנים,
ביסט געקומען זיין דער טאַקט אין דעם אָרקעסטער
פאַר יעדערן באַזונדער, פאַר אַלעמען אינאיינעם.

ביסט געקומען זאָגן מיט חכמה און מיט שמייכל:
צוריק צום אַלטן ספר. צוריק צו יידיש לשון.
טראָג־אַריין מיין טאַטנס ספר תורה אין דיין היכל.
דאָס ליד פון מתמיד איז נאָך ניט פאַרלאָשן.

ליכטיק איז דיין וואָרט. ליכטיק, העל און זויבער
ווי גאָלדיק ס׳איז דיין ניגון אין דעם זמר.
מיין לעבן ווערט ווייטער חלומדיקער צויבער,
צוריק צו קוואַלן מיט די עמערס.

בצלם אלהים. צוריק צו תוכן. פורעם.
מיט גבורה שפרייז־אַריבער אַלע גריבער.
מיט שוויגעניש. מיט צאַפּל אין דיבורים,
יחידים אויף די וועגן פונדאַסניי אַ ציבור.

פונדאַסניי זיי עולה־רגל צו דיין טאַטע־מאַמען,
ס׳האָט די כוואַליע ניט דערטרונקען זייער נאָמען.
איז לאָמיר, דיכטער, מער זיך ניט פאַרזאַמען
און פונדאַסניי: בראשית ברא. אמן.

קאַבריאַ, קאַבריאַ

האָט צעהוידעט זיך דיין נאָמען איבער אַלע שליאַכן.
זינגען פייגל אויף דיביימער: קאַבריאַ, קאַבריאַ.
גייען פויערן אויף וועגן, זינגען זיי און לאַכן,
און דיין קלאַנג באַגלייט די טריט: קאַבריאַ, קאַבריאַ.

ס'גייט דיין נאָמען איבער וועלטן טרויעריק, פאַרטראַכט.
נעמען שקיעות אויף דיין צויבער: קאַבריאַ. קאַבריאַ.
גייען זעלנער אויף די וועגן, אַ שטערן זיי באַוואַכט,
זינגען אַלע אויס דיין חלום: קאַבריאַ. קאַבריאַ.

ווער קען איינהאַלטן דיין לויפן? אפשר אַלע ווינטן,
ווער קען צוימען דיינע בלוטן: קאַבריאַ. קאַבריאַ.
כ'האָב געזען ווי אַלע בלומען אַ קראַנץ דיר בינדן,
כ'האָב געהערט ווי טייכן זינגען: קאַבריאַ. קאַבריאַ.

זקנים גייסטו נישט אַנטקעגן. מיט יונגע אין קאַדריל
טאַנצסטו איבער אַלע פלויטן: קאַבריאַ. קאַבריאַ.
כ'האָב געהערט ווי אַלע לייבן ברילן אין דער שטיל
און אין וואַלד קלינגט־אָפּ דיין עכאָ: קאַבריאַ. קאַבריאַ.

כ'האָב געזען ווי אויף די הימלען טאַנצן אַלע שטערן,
און דו מיט זיי צוזאַמען: קאַבריאַ. קאַבריאַ.
אַלע בלינדע זעען דיך און אַלע טויבע הערן,
ווי דו זינגסט דיין ליבע־ליד: קאַבריאַ. קאַבריאַ.

דו ביסט אַ בוים אין מיטן וואַלד, דו ביסט די פעטע ערד,
און אויף די בערג דיין אָטעם נאָר: קאַבריאַ. קאַבריאַ.
נאָכגיין דיר מיט טיפן אומעט איז מיר היינט באַשערט,
ווייל דיין קלייד מיט גאָלד באַשפּינט: קאַבריאַ. קאַבריאַ.

באָרוועס, נאַקעט אין דער נאַכט, אויף די טראָטואַרן,
הער איך ווי דו גייסט אַליין : קאַבריאַ, קאַבריאַ.
ווען שטרעקסטו אויס די אָרעמס, וועמען ווילסטו היינט
פאַרנאַרן ?
קום פאַרקלעם מיך אין דיין ווייטיק : קאַבריאַ. קאַבריאַ.

נאַכט, געליבטע. אין די גערטנער אויף מידן שטיין
זוכסטו מיינע ליפּן, אָ, קאַבריאַ. קאַבריאַ.
פרעמד איז דיר מיין פרייד, פרעמד דיר מיין געוויין,
נאָר רוישן רוישט דער ווינט אין מיר : קאַבריאַ. קאַבריאַ.

אַלע שעה'ן קוש באַזונדער

אַלע שעה'ן קוש באַזונדער
שכורער בן־אָדם.
טיפער צי אַריין אין ווונדער
ווי די נאָדל אין דעם פאָדים, —
אַלע שעה'ן קוש באַזונדער.

אַלע רגע'ס דיינע עדות,
ווי פייערן — חלומות.
לייען פון הימלען אויס די סודות
ווי דאָס וואַסער פון תהומות, —
אַלע רגע'ס — דיינע עדות.

אַלע פאַרבן נעם צוזאַמען,
גיס אַריין אין זמר,
מיט די טרערן פון דיין מאַמען
פול זאָל זיין דיין עמער, —
אַלע פאַרבן נעם צוזאַמען.

אַ דימענט צו אַ דימענט קלייב,
בצוותא, ביחידות.
מיט בלוט פון נפש און פון לייב
פאַרהיט די גוטע מידות, —
אַ דימענט צו אַ דימענט קלייב.

הערצער איינזאַמע פאַרזאַמל,
און אויגן אין געוויין.
קלאָרער איז דיין ליד אין שטאַמל,
ווען דו ביסט אַליין, —
הערצער איינזאַמע פאַרזאַמל.

ניכטער ווער בן־אדם־שיכור,
נאָענט די שעה פון גנאָד.
אין דיין חכמה זוך דעם עיקר
פון רמז און פון סוד, —
ניכטער ווער בן־אדם־שיכור.

נעם צונויף פון וואַלד די זעגן,
שאַרף זיי אָן מיט פונקען.
נאָכאַמאָל אויף יענע וועגן
ווי דיין לעבן האָט פאַרזונקען.
נעם צונויף פון וואַלד די זעגן.

אויף דעם לייטער אַלע שטיגן,
וואַרטן אויף די טריט.
ווי עס וואַרט אויף וואָרט דער ניגון
גאַנץ מאַכן דאָס ליד, —
אויף דעם לייטער אַלע שטיגן.

קריך אַרויס פון טיפע היילן,
קינד און ווייב און זקן.
ס'ווערט דאָס ליד נישט מיד דערציילן
פון אַ לעבן אַ צעשראָקנס.
קריך אַרויס פון טיפע היילן.

שטילער. שטילער. שליס די ליפּן.
געקומען טויטע געסט.
זאָל דאָס ליד זיי גלייך פאַרקניפּן
אין דער לעבעדיקער נעסט.
שטילער. שטילער. שליס די ליפּן.

הַמצא מנוחה נכונה

המצא מנוחה נכונה —
פאַר אַלע וואָס שווייגן
אין שטורעמס.
פאַרביימער וואָס היטן די צווייגן.
פאַר וואָרצלען וואָס היטן די ביימער.
פאַר אַלע וואָס זוכן די היימען
אונטער אָפענע הימלען און שטערן,
פאַר אַלע וואָס קענען ניט שפּייזן
קינדער און ווייב און באַגערן;
המצא מנוחה נכונה —
און זאָל דער ווינט אין די קברים ניט וואָיען,
זאָל די נאַכט זיי לאָזן צורו
און ניט וויינען מיט אַנגסט און שגעון.

המצא מנוחה נכונה —
פאַר קינדערס פאַרשניטענע יאָרן,
פאַר אַלע אין לויף, אין געיעג
מיטן אומגליק און מיטן זכרון.
פאַר אַלע אין טעגלעכן גרוי,
געפּייניקט דורך שכל, געוויסן,
ווי ס'פּייניקט אין לעבן אַ פרוי
וואָס וויל נאָר פון גלעגער געניסן;
פאַר אַלע וואָס קענען ניט הערן
דעם אימפּעט־געלויף פון די באַנען,
ווייל רעדער דערמאָנען אין טרערן
זיי ווילן אַנטלויפן פון דאַנען;
פאַר אַלע וואָס האָבן די הענט אויסגעשטרעקט

צו זון און צו בליונג
און האָבן געמוזט דאָ פאַרוויאַנען
ווייל אַ פינצטערע האַנט האָט
פון ספר החיים געמעקט.

המצא מנוחה נכונה —
פאַר מענטשן וואָס האָבן געצונדן
מיט אייגענע הענט זייער שקיעה,
פאַר קינדער וואָס האָבן פון ווונדן
געפלאָכטן אַ תליה,
פאַר זייער געלעכטער אין היימען פאַרשטיקטע,
פאַר אַלע הולטאַיעס
פון זון און פרויען דערווייטערט פאַרשיקטע
אויף וויסטן פאַרשליידערט
פון גאָט און פון מענטשן באַזיגטע;
המצא מנוחה נכונה —
אַזוי בעט דיך אַ יידישער זינגער
אויב ניט ביי דעם לעבן
זאָלן די קברים זיין גרינגער —
איך בעט דיך, איך וויל ניט מיט צאָרן
דאָ מאָנען,
כ'וויל נאָר אַ ברעקל זכרון
זאָלן די הימלען דערמאָנען:
דו ביסט דאָך אל רחום וחנון —
המצא מנוחה נכונה —

און נאָך הונדערט און צוואַנציק,
צי עלטער, צי יינגער,
אויך מיר —
המצא מנוחה נכונה —
און זאָל מיר זיין גרינגער.

אַ ליד

לידער זינגען אַרויס פון מיר ווי וואַסערן אין ברונעם.
איך ווייס נישט פון וואַנעט זענען זיי געקומען.
אפשר אין די קינדער־יאָרן איז אַ חלומ׳ל פאַרפאַלן,
קומט עס איצט צוגיין
מיט שמחה און געוויין
און קייקלט זיך אַריין אין ליד, ווי וואַסערלעך אין קוואַלן.

ניגונים זינגען אַרויס פון מיין געמיט.
פון וואַנעט קומט צו מיר דער זמר ?
כ׳קען גאָרנישט אייך דערציילן פון די וואָגלענדיקע טריט.
איך ווייס נאָר : אין טיפער נאַכט בייג איך זיך אַראָפּ
מיט מיין עמער
און שעפּ, און שעפּ פון אַלע נידעריקע שטיבער
צאַפּל, חלום, פיבער.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען

דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
אַ ליגן. אַ ליגן.
ערגעץ נאָך טראָגן זיך פריידיקע קלאַנגען,
ערגעץ נאָך פליסטערט אַ טייך מיט זיין ניגון.

די נאַכט איז געקומען.
נישט אמת. נישט אמת.
ערגעץ אין וועלדער די לייבן נאָך ברומען,
ערגעץ פאַרוואַרפן נאָך שטערן אַ רמז.

דער בעל תפילה געשטאָרבןביים עמוד.
ווער זאָגט אַזאַ ליגן?
גוטער זכרון ברענט אייביק און תמיד.
דער טויט קען אים קיינמאָל באַזיגן.

דער שניטער שניידט־אָפּ אַלע זאַנגען
און עס בלייבט אויף די פעלדער אַ סנאָפּ.
ווער זאָגט אַז עס שטאַרבן פאַרלאַנגען
פאַרשפּינטע אין האַרץ און אין קאָפּ.

אָ, טייערע, גוטע בטלנים,
כ'האָב היינט אָנגעטאָן פריילעכע בגדים.
אָט זעט ווי פריילעך מיין פנים,
ווייל גאָלדיק און זוניק מיין פאָדים.

אין פאַרנאַכטן

אין פאַרנאַכטן זענען פול מיט טרויער אַלע אויגן.
אין פאַרנאַכטן — טוליעט זיך דאָס גראָז
צו דיין טונקעלן שאָטן.
אין פאַרנאַכטן ווערט מיט צער פאַרצויגן
דער אומעטיקער אַלקער
און פאַרדראָס
שפּילט־אויס דער פידלער פון די נאָטן.

אין פאַרנאַכטן זענען טרויעריק עקרה'דיקע פעלדער.
אין פאַרנאַכטן וויל דער רעגן
ניט אויסקושן פאַרטריקנטע ליפּן.
אין פאַרנאַכטן וויינען אַלע וועלדער
און אומעטיקע וועגן
ווילן זיך מיט שקיעות־פאַרוועבן און פאַרקניפּן.

אין פאַרנאַכטן רוען אָפּ זיך אַלע טרעגער.
אין פאַרנאַכטן — שרפה'ט זיך אַ לעבן
און כליפּעט ווי אַ שטיין.
אין פאַרנאַכטן — רייסט קריעה אַן איינזאַם געלעגער,
דער טאָג האָט היינט געגעבן
אַ פולן כוס געוויין.

אין פאַרנאַכטן — קלעפּן זיך צוזאַמען אָפּגעפליקטע בלעטער
און ביימער הערן אימה'דיק די טריט
פון זעגן.
אין פאַרנאַכטן — ווערן פריי די הימלען פון די געטער,
נאָר אַ דיכטער מיט זיין ליד
פייפט זיין אומעט אויס אויף וועגן.

אין פאַרנאַכטן בלייבן שטיל די טייכן
און אויף האָריזאָנטן הענגט זיך אויף אַ ניגון
ווי אויף תליות.
ווער קען זיך צו דעם דיכטער דאַן פאַרגלייכן,
ווען חלומות, ווי גוטע מאַמעס, פאַרוויגן
אים צוזאַמען מיט די שקיעות.

כ'האָב אַליין היינט געזען

כ'האָב אַליין היינט געזען, ווי אַ כוואַליע האָט זיך אָנגעטרונקען
ווי אַ שיכור,
אין טיפקייטן פאַרזונקען
אַוועק זוכן דאָרט דעם עיקר.

כ'האָב אַליין היינט געזען, ווי אַ מענטש פון די הימלען האָט אַ שטערן
אָפּגעריסן
און אַוועק מיט זיינע טרערן
זוכן זיין געוויסן.

כ'האָב אַליין היינט געזען, ווי אַ הונט האָט זיך איינגעביסן אין אַ ביין
און געוואָיעט אין דער נאַכט:
כ'וויל ניט בלייבן דאָ אַליין,
כ'וויל ניט בלייבן מיט דער נאַכט.

כ'האָב אַליין היינט געזען אַ פרוי פון אַ פישער
ביים ברעג פון דעם ים — —
די אויגן — צוויי פייערדיקע קוילן
דאָס האַרץ — ווי הילצערנע טרוקענע רייפן אין פלאַם.
די זון פונדערווייטנס האָט געשיקט אין תהומות פייער־צונגען.
ערגעץ דאָרט, ערגעץ דאָרט איז אַ פישער געוואָרן פאַרשלונגען.

כ'האָב אַליין היינט געזען, ווי אַ מענטש איז אַרויס אין גאַס און אָנגעצונדן
אַלע לאַמטערנס:
„ליכטיק זאָל זיין אויף גאָטס וועלט,
ניט געננוג אויף די הימלען די שטערן".
דער איינזאַמער מיטן שטורקאַץ אין האַנט האָט אַרויסגעוואָרפן זיין געשריי
אויף די נאַקעטע שטיינער פון שאָסיי
און אַלע לאַמטערנס האָבן באַלויכטן דעם הימל.

כ׳האָב אַליין הײנט געזען ווי דער טויט
איז געגאַנגען אין דער זייט פון טראָטואַר.
שטיל, שטיל
ווי אַ יונגע שיינע פרוי וואַרפט אַוועק לעם אַ פּלויט
איר קינד פון אומעט און צער.
כ׳האָב דעם טויט פייערלעך באַגריסט,
ווייל אַלץ אַרום, געזען האָב איך, איז וויסט.

קום אַרויס אין גאַס און קוק מיט מיר:
ווייק הײנט דעם דיכטערס שיר.

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע :
מיין פרוי, מיינע קינדער און אַ בינטעלע שטערן.
מיין פרייד אויף מיין אויג
און אַ שנירעלע טרערן.

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע :
מיין טאָג און מיין נאַכט און מיין ניגון.
מיין שנירעלע טרערן וויל אויך
אין אַ פריילעכן טאָג
מיינע קינדער פאַרוויגן.

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע :
מיין צימער, די אורחים און אָפענע טירן,
מיין טאַטנס תפילה :
ורוח קדשך אל תיקח ממני —
מיין ניגון איך זאָל ניט פאַרלירן.

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע :
אַ טישל, אַ בענקל, אַן אָפענער ספר.
קומען די אורחים און רעדן זיך דורך :
גלייב.
זיי ניט קיין כופר.

מיין פריוואַטע ביאָגראַפיע :
אַן אָפענער הימל, אָט הענגט ער דערנעבן,
ווי אַ נאָענטער שכן רעדט ער אַריין
דורכן אָפענעם פענצטער :
מן המיצר קראתי י־אָ צום לעבן.

אַ קליינע פּריוואַטע ביאָגראַפיע:
פּופּציק יאָר אויף די אַקסל — אַ מילדער יאָך.
יעדן יאָר כ׳בין מכבד מיט אַ גלאָז וויין
און בענטש מיין יום טוב און מיין וואָך:
ל ח י י ם.

אַ חלום

פון דיינע איינזאַמע שעה'ן
וואַלגער־אַראָפּ דיין נאַכטיקן שטיין.
צווישן אַלע ניינען און יאָען
אַ טראָפּן פון דיין געוויין.
נעם דיין לעבן אָן ביים האַנט
ווי אַ קינד
און גיי זאַלבענאַנד.
ניט כדאי אַז דאָס לעבן זאָל גיין באַזונדער
און אויסטרינקען אַליין
אַלע וווּנדער.

אינדרויסן אַ רעגן.
אַ בליץ האָט פאַרלאָפן דיין טראָט.
אויף וועגן
אין גרויסן געלאַף, איז נאָכגעלאָפן
איובס שטן : אַראָפּגעצויגן ס'קאַפּעלוש :
איך בין גאָט.
דערקענסט מיך ניט ?
קום מיט מיר. אין גריבער פון רויטן ליים
האָב איך אויסגעבעט אַ היים.

אַ נאַכט שרייבט אָן אַן אות.
דער טאָג טונקט זיין לאַבן ברויט
אין אימה. אין פאַרדראָס.
אין טויט.
אַ דיכטער טרינקט זיין לעצטן כוס.
קינדער און אַלטע אבות
אין כאָר :
לְמָוֶת.

נאָר איינער, אַן אַלטער גרויער ייד,
(כ'האָב אים דערקענט: מיין טאַטע)
ווי זיין זון אין זיין ליד
האָט אַ ניגון פאַרצויגן:
ל ח י י ם.

הימלען און בערג האָבן געענטפערט
מיט דבקות: ל ח י י ם

אַ חלום.
אויף מיינע ליפּן אַן אַלטע תפילה:
לחיים טובים ולשלום.

אַ ליד

געווידמעט זיך אַליין

אַמאָל ווילט זיך מיר שרייבן אַ בריוו
צום קאָלעקטיוו.

אַמאָל ווילט זיך מיר גיין
אַליין.

אָפּגעזונדערט. ווייט
פון דער צייט
וואָס גרילצט און שרייט.

קומט צו מיר צוגיין די עדה
און זאָגט:
לאָמיר ביידע,
איך און דו,
מיט אַלעמען — אַליין —
צוזאַמענגיין.

גיין איבערן מאַרק.
איבער זיינע רוישנדיקע גאַסן.
אַריינגיין אַליין אין אַ פּאַרק,
מאַכן זיך אַליין אַ מסיבה,
אַ מסיבה
מיט אַ סך ליבע
און ווייניק האַסן.
אַרומנעמען דעם גאָרטן מיט דיביימער

און אַ נדר געבן:
בלייבן דער טרייער שומר
פון דיין לעבן:
זיין אַן איש־ריב
מיט זיך אַליין
און מיטן קאָלעקטיוו.

איך בין ניט קיין ירא־שמים.
נאָר אַ ירא־עדה.
איך טרינק פון מים־חיים קוואַל,
פוןביידע:

פון דער עדה
און פון יחיד אויף דער עקדה.

איך דאַרף ניט מער

כ'האָב היינט אויסגעבאָרגט ביים טאָג אַ ביסל ליכט.
מיט ברייטער האַנט
האָט ער אויפגעעפנט אַלע אוצרות.
איך האָב אַ פּיצל שיין גענומען און אַוועקגעשפּאַנט.

איך דאַרף ניט מער. אַ פּיצל שיין
איז אַן אוצר אָן אַ שיעור.
ווער קען מעסטן זיינע טיפקייטן
ווען ער קריכט אַריין אין שיר.

איך דאַרף ניט מער.
ווייל גרויס מיין גליק
ווען דער חלום ברענגט אַ ביסל רו
אויף מיין פאַפּירענער בריק
און דער חלום ווערט מיין היטער
אויסצוהיטן ס'פּיצל שיין
פון אימה. פון געוויטער.

איך דאַרף ניט מער.
איך דאַרף אַז דער טאָג זאָל אַ פּיצל שיין מיר שענקען ;
אַז מיין אויג
זאָל ניט זאַט ווערן פון בענקען ;
אַז מיין האַרץ זאָל פאַרזיכטיק און קלוג
פאַרחתמען אַ קליין פלעמל
אין אַ ליימיקן קרוג.

איך דאַרף ניט מער. איך וויל אַ פּיצל שיין
זאָל זיין דער צינדער
פון אַלע נאַכטיקע לאַמטערנס
און אַלע שמייכלען אויף די מיילכעלעך פון קינדער.

איך דאַרף ניט מער.

אַלע וואָלקנס זענען אַוועק

אַלע וואָלקנס זענען אַוועק,
אָפּגעריסן זיך פון הימלען
און די שטערן מיטגענומען אין מרחקים.

נאָר איינס אַ וואָלקנדל, אַן עקשן,
אַן אומרויקס, געקומען צו מיין טיר,
אָנגעקלאַפּט אין לאָדן,
אַריין אין מיין האַרץ
אַוועקגעזעצט זיך און אויסגעשריגן:
אַ גוט יום טוב, דיר,
דיכטער.

אַלע וואָלקנס זענען אַוועק.
זיי האָבן אויסגעפונען אַ מדבר
און דאָרט: אויף זוניקע זאַמדן
אָנגעהויבן זינגען ש י ר ה.
אָפּגעריסענע שטערן האָבן זיך צעזונגען.
טאָלן און בערג האָבן אויפגענומען
אַ געזאַנג פון פאַרבלאָנדזעטע וואָלקנס און שטערן.

נאָר איינס אַ וואָלקנדל
אַריבער דעם וואַלד,
די פעלדער,
די ימען —
געקומען צו מיין היים
אָנגעקלאַפּט און אַריין:
כ׳בין דאָ!
אַ גוט יום טוב, דיר, דיכטער.
דו ביסט ניט אַליין.

אַלע וואָלקנדלעך זענען אַוועק.
מיטגענומען דעם טויט מיט זיך.
אַלע האַרבסטן,
אַלע בלעטער פון די רינשטאָקן,
אַלע פאַרשטיקטע קולות.
אויף זאַמדיקן מדבר זינגען זיי
אַ ל י ד.

ווער קען מיט זיין שכל און האַרץ
פאַרשטיין אַ ליד פון וואָלקנס, —
אין זייער אינגעווייד: טויט. האַרבסט.
אַראָפּגעפאַלענע בלעטער.
נאָר איך מיט מיין וואָלקנדל
זינגען אַ ליד פאַר הימלען אָן וואָלקנס.

נאָר פונוואַנעט אַזאַ בענקעניש,
אַזאַ כוואַלעדיקער אומעט פון מיין ניגון?

וווהין זענען די שטערן אַוועק?

פאַרוואָס האָט זיך אַ שטערנדל ניט פאַרעקשנט
און אין מיין ליד אַריין?
פאַרוואָס האָט זיך אַ שטערנדל ניט
אָפּגעריסן פון טשערעדע
און אַוועק צו מיין ניגון?
ניט אָנגעקלאַפּט אָן טיר און טויער
פון מיין האַרץ?

אַך, ווען אַ שטערנדל וואָלט פֿאַרבלאָנדזשעט
אין די שורות פֿון מיין ליד.

אַ דיכטער. אַ וואָלקנדל. אַ שטערן.

האָמער וואָלט מיט זיינע בלינדע אויגן
אויסגעקושט דאָס ליד מיט טרערן.

פון מיר צו דיר

בערל מיטן פידל, שמערל מיטן באַס —
האַרציק איז דיין ניגון אין ערנסט און אין שפּאַס.

כ׳האַלט דיין האַרץ אין צאַפּל צווישן מיינע הענט,
כ׳האָב מיין ליד אין דיר אויפן גאַס דערקענט.

ווי בערל מיטן פידל, אַ פריילעכער און פריי,
האָב איך מיין ליד דערזען: אמתדיק און טריי.

ווי שמערל מיטן באַס, וויל זיין טאָג געפינען —
זוך איך דיך אַרום אין שיין פון דעם באַגינען.

זוך איך דיך אַרום, מיין אויג לויפט־נאָך דיין גלעט,
היינט איז ווידער פרילינג, — אויב אַפילו שפּעט.

אויב אַפילו שפּעט — כ׳פּאַרקוק אין אויגן טיף,
ווערט מיין וואָרט — קרישטאָלענער געשליף.

ווערט מיין קליינער בינשטאָק זשומענדיק און פריילעך
אין טויער פון דיין האַרץ שטייט דער גייסט דער מלך.

ווייסטו וואָס באַדייט אין שטילן האַרבסט אַ פייער?
ווייסטו ווי אַ שמייכל ווערט פּלוצלינג דיין באַפרייער?

פאַרשטייסטו דען דעם טאָג וואָס ברענגט דיר אַ פאַרמעג
און פּלוצלינג זיבן זונען באַלייכטן מידע טעג?

צי ווייסטו וואָס דערציילט אין שטילן האַרבסט דיין חן,
צי הערסטו שטיל דיין ניגון, ווען דו פאַרבלייבסט אַליין?...

צי הערסטו אין פרימאָרגן וואָרקען מיינע טויבן
און גאָלד פֿאַרפּלייצט דיין צימער און זילבערט דיינע שויבן ?...

צי ווייסטו ווער ס'האָט דיר אין נעץ פון חן געפֿאַנגען
און אויסגעשפּרייט אַ פעלד מיט זומערדיקע זאַנגען ?

צי ווייסטו, צי פֿאַרשטייסטו — באַנעמסטו דען די סיבה ?
דיכטער רופן עס — פּראָסט און פשוט — ליבע.

שמערל מיטן פידל, בערל מיטן באַס
פֿאַרהיט, מיין גאָט, איר טראָט אויפן מיטן גאַס.

פילאָזאָף קאַנט

די שטערן אין הימל
און אין מיר מאָראַלישער אימפּעראַטיוו —
ווען ניט דער דייטשער נאָמען
קאַנט
פאַרחתמע איך דעם בריוו
און דריק האַרציק דיין האַנט.
אמן.

אַן איש ריב
מיט זיך און מיטן קאָלעקטיוו
מוז טראָגן אין טיף
מאָראַלישן אימפּעראַטיוו.

נאָר ווי דריקט מען די האַנט
פון דייטשן פילאָזאָף קאַנט ?

זאָגן יידישע דיכטער צו זייער דור :
וואָס דער פאַסטוך עמוס וואָלט געזאָגט
אין היטלערס צייטן — ווייס איך קלאָר,
נאָר צי וואָלט ניט קאַנט
פאַרפירט
און פילאָזאָפירט
אַז מאָראַלישער אימפּעראַטיוו און די שטערן
צו היטלערן געהערן ?

אין אַ יידישן באַנד לידער 1967 דאַרפן די ווערטער
זיין פאַרשריבן.

ליכטיקע כניעה

קען דיין אויג די אַרומען
זען און אין זיך פאַרשלינגען ?
קען דען די בין פאַרזשומען
דיין וואָרט, דיין ליד און דיין זינגען ?

קען דען דיין ליכט פאַרשיינען
אָוונט און שקיעה־געפאַר ?
ביסטו אָווידיוס צי היינע —
פלעכטן זונען פון צער ?

מיד ביסטו, זינגער, איז ניחא,
דיין וואָרט, ווי אַ בוים צעבראָכן,
אַ מת אין ווייסע תכריכים,
טיף אין די אימה'ס פאַרקראָכן.

קען דען דיין אויג אַלע וועלטן
פאַרשלינגען אין טיפן ווי ימען ?
קען דען דיין פלאַם אַלע קעלטן
צעפלאַמען ווי דאָס וואָרט פון דיין מאַמען ?

זינגער, קני, גיב זיך אונטער,
די וועגן פאַרשטורעמט, פאַרשנייט.
געשאָכטענע טויבן די וונדער,
און בלוט אויף דיין ליכט און דיין פרייד.

אַ טאָג פֿאַרגייט אין אומעט

אַ טאָג פֿאַרגייט אין אומעט.
ער טראָגט אַוועק אין די מאָרגנס
אַלע מיינע געשטאַלטן.
נאָר אין פֿאַלדן פֿון אַ וואָרט
ליגט ערגעץ דער נוסח פֿון דיין לעבן
טיף באַהאַלטן.

אויף וועלט־טראָטואַרן
זעט דיין אויג דעם טונקעלן צער
געלייטערט.
קומען טרערן אָן פֿון אַלע אָקעאַנען
וואַשט דיין וואָרט אויס אַלע אותיות
און דאָס ליד ווי אויף אַ שייטער.

כ׳האָב קיין שליטה ניט אויף מיינע שעה׳ן.
ווי הויקערס טאַנצן רגע׳ס און טאַנצן־אויס
אַן אומעטיקע וועלט.

קומען אָן די שניטערס. בלייבן שטום.
ווער האָט אָפּגעקאָסעט אַלע גראָזן
אויף דער לאָנקע, אויף דעם פֿעלד.

אָ, גאָט. אויף דיין ציפּערבלאַט ווייזן ווייזערס:
שפּעט. גאָר שפּעט.
קום איך צו דיין ספֿר. פֿאַרשרייבן כ׳וויל
אַן אות.
פֿאַרנעם אַ תּפֿילה פֿון אַ יידישן פּאָעט.

דיינע עולמות טונקלען זיך אין חלום
אויף דער וואָר.
אויף דיין פּאַרמעט
ברענען אותיות קלאָר.

ווייל אין דיין היכל — כ'האָב די קולות
אויפגעקליבן —
און אויף מיין לשון
זייער שטומקייט דיכטעריש
פאַרשריבן.

איך קום פון טיפן וואַלד.
שפּעט שוין אויף דיין וועלטל.
שפּעט.

פון דעם שטורעם כ'הער אַ קול.
איוב אין זיין אוהל — צו יסורים
האָט היינט גאָט פאַרבעטן און ער רעדט.

לאָז אים ריידן, גאָט.
ס'איז אים אומעטיק. אַליין איז ער
פאַרבליבן.

אַליין מיט די יסורים —
ווי דו האָסט אַמאָל אין זיין ספרל
פאַרשריבן.

לאָז אים ריידן, גאָט.
אויף זיינע אויגן טרערן
הענגען.

ווײל ער דו זאָלסט קומען
אױסהערן זײַן װאָרט
אוודאי וועט ער דיר אַ כוס נחמה ברענגען.

הער אים אױס — דו האַר פֿון חורבות
און פֿון צאָרן.

אין סוד פון טאָג

אין סוד פון טאָג.
אין סוד פון חלום.
איך זוך אַ באַשייד.

געקומען זענען ווערטער אין מיין ליד,
ווערטער מיט באַטרערטע אויגן,
מיט אומעטיקע רייד.

אַ פאַרשעמטער שטייט מיין ניגון.
ווי אַ גלגול אין מיין גוף
אַריין.

געקומען זענען ווערטער אין מיין ליד
און דאָס האַרץ ווי אין גאַלאָפּ
פון אומעט און פון וויין.

אין סוד פון רעגן און פון שטורעם.
מיט פאַרלאַנגען און
באַגערן.

האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר אַ שטיקל טרויער
און איז אַריין, ווי אין די אויגן
לאָגלען טרערן.

ווער קען אָנטאַפּן דעם חושך?
סיידן דאָס אומרויקע פייער
פון זכרון?

ווער קען אויסשפּילן די שרעקן
אַז אויף דער בינע ליגן טויטע
אַלע פרייליכע אַקטיאָרן.

ווען קען נאָכגיין אַלע בענקשאַפטן
אויסגעקוילעטע אויף אַלע
ערטער.

ווער באַוועגן קען דעם ניגון פון מיין טאַטן
ער זאָל צודעקן דאָס לייב
פון אַלע מיינע ווערטער.

אין סוד פון פייערן און פלאַמען.
אין סוד פון ווירבלדיקע ווינטן
בין איך משיג,

אַז דאָס ליד פון ייד
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
איז טרויעריק און אַשיק.

צו וועלכע רוימען
זאָל דער דיכטער זיינע לידער מיט די טויבן
שיקן.

ווער באַפרייען קען דעם קדיש
פון מיין האַרץ, ער זאָל זיין פאַר מיר
אַ ת י ק ו ן.

אין סוד פון נעכט און שוידער.
אין סוד פון טאָלן און פון
בערג.

זוך איך אַלע קולות
פאַרלאָרענע אויף בריקן
און אויף מערק.

אין סוד פון צייט און דור
אין סוד פון פייערדיקן
גלי,

שטייט מיין טאַטע
קעגן פייער
וויזאַווי.

נעכטנס

דער טאָג וואָס איז פאַרגאַנגען
כ׳האָב צו אים אַ שייכות.
דער חלום פון מיין נעכטן
ווי דער ים — רייך איז.

דער טאָג וואָס איז אַנטלאָפן
מיט זומערדיקע פידלען,
שטייט אין מיטן מאַרק
און הויבט מיר אָן צו זידלען:

דו נאַקעטער יונג פון די בלאָטעס
האָסט איבערגעריסן דעם פאָדים:
פאַרגעסן די נעכטיקע שקיעה,
פאַרגעסן דעם פרט און די פרטים.

דו שכחן, ליידאַק און פאַרגעסער,
אין ביכער פון עבר דיין גיפט.
פאַרגעסן דעם כתב אויפן פאַרמעט
פאַרדבקותט מיט גאָלדענער שריפט.

פאַרגעסן די שיינקייט פון זונען,
דעם טוי און דעם זאַפט אויף די ליפן.
אויב אַ שכחן דו ביסט, איז ווי קענסטו
דעם נעכטן מיט מאָרגן פאַרקניפן?

אָ, דו אכזר — פאַרגעסער פון נעכטנס,
אין מאָרגנס דו אייביק פאַרבענקטער.
זע, ווי אויףביימער אין גאָרטן
דיין חלום, אָט צאַפּלט ער, הענגט ער.

אָט זע ווי דיין טאָג האָרעוואַניע
הענגט אויף אַ גאָלדענעם שטערן.
ווער האָט דיר חוצפה געגעבן
דיין הויז פון די נעכטנס צעשטערן?

אָ, דו גרויסער פאַרגעסער פון יאָרן, —
דער מאָרגן איז קיינמאָל ניט זוכה
צו זיין אַזוי שיין ווי דער נעכטן.
בענטש אויף זיין שאָטן: אם לא אזכרכי...

אַנטקעגן דעם עבר — מיט תפילה
עפן דיין האַרציקן תהילים,
בייג נישט דיין קאָפּ צו די מאָרגנס
ווי אַ נאַקעטער עובד אלילים.

נאָר דער וואָס געדענקט זיינע נעכטנס
קאָן דאָס ליכט פון זיין מאָרגן אָנצינדן.
ווער עס וויל זיין מאָרגן געפינען
מוז די נעכטנס ווי גאַרבן פאַרבינדן.

איך בין דער יורש

כ׳האָב געירשנט דיינע אויגן,
טאַטע,
כ׳האָב געירשנט.

פון דיר, מיין מאַמע,
מיין האַרץ
כ׳האָב געירשנט.

שטעקן אין מיר צוויי אומרויקע אויגן
און אַ האַרץ
פאַרשנירלט מיט אַ טרער.

קומט אָן די נאַכט:
צעצאַפּלען זיך צוויי אומרויקע אויגן
און אַ האַרץ
לויפט־נאָך די שטערן
און דעם ווינט.

קומט־אָן אַ מענטש אַנטקעגן
מיט תהילים אויף די ליפּן,
מיט עלנטקייט אין וואָרט
און איינזאַמקייט אין תפילה,
נעם איך אָן זיין האַרץ
פאַרשנירלט מיט אַ טרער,
פאַרצי מיין בויגן
אויף זיין פידל
און גיי מיט אים אַ גאַנג
צו זריחות און צו שקיעות.

אַ דאַנק דיר, טאַטע,
פֿאַר ירושה.

אַ דאַנק דיר, מאַמע,
פֿאַר דיין האַרץ.

ס'איז אַ טעות אין גראַם

ס'איז אַ טעות אין גראַם,
ס'איז אַ טעות אין גראַם
ס'האָט אַ כוואַליע צעכוואַליעט
מיין לעבן אין ים.

דער מזרח, דער מערב
צעפלאַקערט, צעצונדן —
געקושט האָט מיין כוואַליע
צעיאַטרעטע ווונדן.

דער צפון, דער דרום,
ווי רויטע שטורקאַצן,
געזוכט כ'האָב מענטשן, —
געפונען פּאַיאַצן.

ס'איז אַ טעות אין גראַם,
ס'איז אַ טעות אין גראַם.
דער מ ר ח ב — מיין אַלקער,
די וועלט איז אַ צאַם.

מיין היים און מיין וועלט
צעוואָרפן, צעפלאַקערט,
אַ לעבן, ווי בייטן
צעשניטן, צעאַקערט.

אין צעאַקערטע בייטן
האָט דער פויער פּאַרזייט
עקשנות און גלויבן
און קאַמף קעגן טויט.

ס'איז אַ טעות אין גראָם,
ס'איז אַ טעות אין גראַם
אַ שטיין אויפן שפּיגל
און אַ פּויסט פון דעם כאַם.

הבל פאַרבלוטיקט
און תנכישער קין
שמידט אין דעם חושך
אַ נייעם כלי־זין.

שריי איך און שריי
ביינאַכט און בייטאָג:
היט־אויס די קינדער
פון גוג דעמאַגאָג.

ווער הערט אונדזער קול
אין דער חשכות אַרום?
נאָר טיגער געשריי,
נאָר לייבן־געברום.

ס'איז אַ טעות אין גראַם,
ס'איז אַ טעות אין גראַם
אַ שפּענדל דאָס לעבן
אויף שטורעמס פון ים.

גיי איך און זוך
אַ תכלית אין ליד:
חזר איך איין
מיין געשריי פון געמיט:

אין צעאַקערטע בייטן
האָט דער פויער פאַרזייט :
עקשנות און גלויבן
און קאַמף קעגן טויט.

שטומע

שטומע.
מיר האָבן זייער וואָרט
פון הימלען אָפּגעריסן.
צוגענומען, באַרויבט, — ווי אַ מאַן נעמט צו זיין חברס פרוי —

אונדז געהערט די ירושה פון די שטומע —
האָבן מיר גאווה'דיק געזאָגט צו זיך אַליין.

שטומע.
נאָר פייגל טראָגן אין ווייטקייטן אַוועק
זייער צער.
נאָר אָנגעצויגענע סטרונעס אין די הענט פון ווירטואָזן
שפּילן־אויס זייער וויי.
נאָר בלעטער אין האַרבסט וויינען־אויס
זייער נישט־דערזאָגט וואָרט.

שטומע.
אין רעגנדיקע נעכט באַגלייט אַ חלום :
זיי רעדן.
זיי רעדן.
די גאַנצע וועלט הערט אויס.
אַלע בערג.
אַלע טאָלן.
אַלע טייכן.
אַלע שיינע פרויען.
שטומע רעדן.

גייט אַוועק דער חלום,
בלייבן שטומע שטיל.

ווײנען מיט זײ טעג.
ווײנען מיט זײ נעכט.
נאָר דער חלום קומט צוגײן, װי אַ גוטע מאַמע,
באַרירט די שטומע ליפּן און שעפּטשעט שטיל:
איר װעט רעדן.
איר װעט רעדן.
הערן װעלן אײך
די ימען,
די זאַמדן בײ די ברעגן,
די שטורעמס,
און אַלע שײנע פרױען אויף דער װעלט.
דיכטער װעלן אײער װאָרט צעטראָגן.

שטומע װאַרטן זײער טאָג זאָל קומען.
שטומע װאַרטן.

צו דעם ברונעם מיט מיין תהילים

איך בין געקומען צו דעם ברונעם מיט מיין תהילים:
למנצח מזמור שיר פֿאַר אַלע מילנערס און פֿאַר אַלע מילן.

למנצח מזמור שיר — ווו דו זעסט אַ פּויער אויף אַ פֿעלד, אַ סימן
אַז דיין ברויט איז דיר פֿאַרזיכערט. שטעל זיך אָפּ און זינג אַ הימן.

ווו עס קומען אָן פֿאַרזייער, ווו זיי שטעלן פּרייע טריט,
למנצח — זינג, דו דיכטער, הער זיך צו צום גאַנג פֿון ליד.

קלייב־אויף אין דיינע שורות אַלע זריחות, בעט־אויס פֿאַר זיי אַ
רויק געלעגער,
זעץ־אַוועק ביים טיש דעם דיכטער און דעם פּויער, דעם וואַלד־
מענטש און דעם טרעגער.

אַלע די וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט די שטורעמס, אויפגעריסן
דאַמבעס און געטראָגן שטיינער
בויען אַ בית תפילה, ווו אַ מענטש מיט האַרץ בעט פֿאַר זיך אַליין:
זאָל זיין לעבן ווערן געוויסנפולער, ריינער.

נעם־מיט אין דיינע ספרים, אַלע אָוונטיקע שקיעות, איובס צערפּול
געשטאַלט,
טראָג דיין פרייד פֿון טרייסט און רחמים פֿאַר קינד און קייט, פֿאַר
יונג און אַלט.
אב הרחמים. איך וויל אויף דיינע נחלות זיין דער אָפּהיטער און
וועכטער,
עס זאָל דיין וואָרט באַגלייטן די צדיקים, ניט דיין שפּאָט און
בייסיקער געלעכטער.

נאָך אַנגסט און שווערע שעה'ן כ'בין געקומען — אָפּזאָגן דעם
תהילים פון אַלע אָרעמעלייט
און זאָגן דיר גאַנץ קלאָר און דייטלעך: איך וויל ניט זיין דיין
דיכטער וואָס שטייט דאָרט אין דער זייט.

איך בין דאָ ניט קיין בעטלער. ניט קיין אורח אויף די וועגן. ניט
קיין גאַסט.
פון באַרג און טאָל, פון אַלע הייכן און אויפן שפּיץ פון מאַסט

כ'וועל אָנזאָגן מיין אויג זאָל זען, פאַר באַליידיקטן זיך מיען,
ווייל ווייסט דאָך, אב הרחמים, אָן אַ ביסל צדק האָט די וועלט
קיין קיום.

אָן אַ ביסל צדק ברענען אַלע וועלדער, ברעכן זיך אין שטורעמס
אַלע צווייגן,
אָן אַ ביסל צדק קענען ניט די שטערן אויף דיין בלויען הימל
שווייגן.

הער, פאַרנעם געשריי פון דיינע שטערן (כ'האָב אַ מאָל זייער אומרו
אין אַ ליד פאַרזיגלט
און באַנדאַזשן־לידער אויף זייערע וווּנדן, ווי אַ מאַמע כ'האָב
פאַרוויקלט).

כ'בין דאָ ניט קיין פויגל — דורכגעפלויגן און אַוועק אין וויטן
אָפּזינגען און שפּילן,
כ'בין געקומען אָנוואַרפן אויף דיר מיין ליד, מיין וואָרט און ווילן.

כ'האָב אויף דיינע וועגן אַזויפיל צער און ליכט געזאַמלט און
געקליבן,
ווי אַ סופר־סת"ם אויסגעצאַצקעט אות נאָך אות, אַלץ האָב איך
פאַרשריבן

און געצונדן אין די נעכט שורות ליכטיקע פאַר מענטשן, פּיינען
אויסגעוואַרעמט מיט אַ פלאַקער,
און אין בייטן כ'האָב מיין פלוג געבעטן: אַקער דאָרט און אַקער.

ביז עס וועלן זאַנגען גרייט זיין צו דעם שניט.
ביז עס וועט אַ וועלט נאָכגיין דיכטער־טריט.

איך בין געקומען צו דעם ברונעם מיט מיין תהילים מיין אומרו
שטילן:
למנצח מזמור שיר פאַר אַלע מילנערס און פאַר אַלע מילן.

טרעפט אַ מאָל א שעה

טרעפט אַ מאָל אַ שעה
קומט אַ וועלט מיט חן,
וויל ניט מער מיין טאָג
אין שקיעה־גאַנג פאַרגיין.

טרעפט אַ מאָל אַ שעה,
אַ חלום קומט אַרונטער,
פינקלט דאַן דיין האַרץ
מיט רמז, סוד און וונדער.

קומען גוטע פריינט
און זאָגן אָן אַ בשורה:
אין נצח וועט פאַרבלייבן
פון דיר אַ גוטע שורה.

אַ דאַנק אייך גוטע פריינט,
אַ דאַנק פאַר וואָרט און פרייד,
אין מיין שירה־בייט
האָט איר אַ קערנדל פאַרזייט.

טרעפט אַ מאָל אַ שעה
צעפינקלט אינדערפרי
קומט אַריין אַ שמייכל
און שטעלט זיך אויף די קני.

דאַוונט אָפּ אַ תפילה,
קושט די אויגן אויס.
אָפּגעניגונט. אָפּגעשמייכלט.
אין ווייטקייטן אַרויס.

טרעפט אַ מאָל אַ שעה
מיט חן און חסד רייך,
קום איך צו איר גנאָד
ווי אַ דורשטיקער צום טייך.

טרינק איך אויס דעם קוואַל,
אַ זמר אויף מיין ליפּ.
טרעפט אַ מאָל אַ שעה
איך בין אין איר פאַרליבט.

עפנט זיך מיין טיר
אַ געליבטע קומט צוגיין.
רוימט מיר איין אַ סוד
לאַכט דער סוד מיט חן.

דאַן פאַרשטייט מיין טאָג,
אַז ס'טרעפט אַ מאָל אַ שעה
ווען אַלץ אין מיר זינגט־אויס :
כ'בין דאָ. כ'בין דאָ. כ'בין דאָ.

אָן אַ היים, ווי אָן אַ מאַמע

אָן אַ היים,
ווי אָן אַ מאַמע,
ס'איז דיין לעבן
ליקוי חמה.

אָן אַ הימל —
אַ האַרץ אָן טרערן,
ס'קען, חלילה,
טרוקן ווערן.

אָן דיין ערד,
ווי אָן אַ גלויבן.
ווער וועט דיר
צו גאָט דערהייבן?

אָן דיין קינד,
ווי אָן די אויגן.
ווי אַ פידל
אָן אַ בויגן.

היים און הימל,
ערד און קינד.
ליד — מיין לעבן
האָסט באַזינט.

צו י. ל. פרצ׳ן

כ׳האָב געזען אויף וועלט־ירידן,
אָנגעטרונקענע מיט טרערן,
דיינע יום־טובדיקע יידן
בויען בריקן צו די שטערן.

כ׳האָב געזען דיין וואַסער־פירער
אויף די פלאַמענדיקע דעכער.
ס׳איז אַ יידישער מאַרטירער
אַוועק צו הימלען, — אויב נישט העכער.

אויפן מאַרק, אין דעם געוויטער,
מיט דער חכמה פון אַ תם,
האָט ר׳ שלמה, ווי אַ היטער
אויסגעהיט פון וואָלף דעם לאַם.

ס׳האָט דיין בדחן אויסגעשריגן:
„לעבן נעמט מען מיט געוואַלט!״
און אַזוי זיין האַרץ, זיין ניגון
וואַנדערט אום אין יידיש־וואַלד.

ס׳האָט דער בדחן צוגעגעבן:
„אין דיין גלויבן עקזיסטיר!״
איז אַוועק זיין יידיש לעבן
טרוימען ווייטער אין דיין ש י ר.

יונתן מיט זיינע טויבן
אין זיין טיפן טרויער, צער
האָט געטראָגן אונדזער גלויבן
אין דעם שטורעם און געפאַר.

האָסט געלערנט: ס'איז כדאי
ווייטער שמידן יידיש קייט
ווען דער ניגון איז דערביי
און דאָס האַרץ צום המשך גרייט.

— און אַזוי־אָ גייען מיר, די נשמות פלאַקערן
— און אַזוי־אָ גראָבן מיר מיטן פלוג אין טיפער בייט.
אין ישראל מאַכט הבדלה ר' שלמה ביי דעם אַקערן,
און דיין תמימותדיקער באָנטשע שמידט ווייטער
די קייט!

דו וועסט קומען

דו וועסט קומען
פֿאַר די שקיעות
צו מיין טיר
און צו מיין שוועל.

דו וועסט קומען
אין פֿאַרטאָגן
ווי אַ מילנער
צו זיין מעל.

דו וועסט פֿליען
העכער, העכער
און דיין האַרץ —
אַ טויער אָפֿן.

דו וועסט שפּרייזן
איבער דעכער,
האָסט דיין שומר
דאָ געטראָפֿן.

וועט דער שומר
אין פֿאַרנאַכטן
עפֿענען דיר
טיר און טויער.

ווי אַ זעלנער
נאָך די שלאַכטן
ווערסטו קומען
מיט דיין טרויער.

וועט דיין שיף
פון פּאָרט צו פּאָרט
וואַנדערן דורך
שטורעמס, ימען.

וועט אַנטקעגנגיין
מיין וואָרט,
וועלן ליפּן
זיין צוזאַמען.

קום־זשע גיכער
איבער דעכער
צו סכנות
מאַך זיך גרייט.

פלי־זשע פויגל
העכער, העכער,
ליבע שטאַרקער
איז ווי טויט.

אַלטע לידער.
אַלטע גראַמען.
דו וועסט קומען
צו מיין שוועל,

ווי אַ קינד
צו טאַטע־מאַמע
ווי אַ מילנער
צו זיין מעל.

העלער אויפגאַנג

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג
מאָרגן גייסט מיין שוועל אַריבער,
ברענגסט די וווּנדער פון די וועגן,
ברענגסט דאָס ליכט אין אַלע שטיבער.

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
ס'איז דער דרויסן פול מיט בשורות,
די מחשבות און די גראַמען
שטעלן אויס זיך אין די שורות.

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
ביזט היינט שענער, ביזט היינט ריינער,
אויף די ברוקן, אויף די גאַסן
זינגען שירה אַלע שטיינער.

פליען טויבן איבער דעכער,
קושן־אויס מיט פרייד די זונען.
קומט דער גערטנער אין גאָרטן
און דאָס וואַסער קושט דעם ברונעם.

קומט לבנה צו פאַרליבטע
און צו פעלדער קומט דער פויער,
העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
באַגריסט מיט האַרץ דעם אַלטן בויער.

קומען ווערטער צו דעם דיכטער,
ווערט אויף פאַרמעט אַלץ פאַרשריבן :
אַז אַ דאַנק דעם העלן אויפגאַנג
האָט ער ניגונים אויפגעקליבן.

קומט אַ חלום צו דעם קבצן
און ער פליסטערט אין זיין שלאָף:
אין דעם העלן אויפגאַנג, ברודער,
כ'בוי מיין שיינעם טורעם, כ'האָף.

קומט די וועלט אין בלויע פאַרבן,
באַגלייט אַ פּאַסטעכל מיט רינדער,
גייט אַ מאַמע מיט געלעכטער,
ביי איר פאַרטוך זיבן קינדער.

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
וועלדער שיקן דיר אַ דאַנק,
ס'האָט די האַק פאַרגעסן קומען
און דער סערפּ מיידט־אויס דעם זאַנג.

איבער טייכן, איבער ימען —
אַ מאַטראָס נאָר קען פאַרשטיין —
איז די בענקשאַפט דאָרט פאַרבליבן
איינזאַם, אומעטיק, אַליין.

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
איבער דערפער, איבער שטעדט.
דאָ ביים שרייב־טיש זיצט און חלומט
מיט זיין מוזע — אַ פּאָעט.

און ער זעט אין טיפן דרעמל
ס'יונגע וואָרט אויף אַלטע שמות.
היט מיט צאַפּל העלער אויפגאַנג
דאָס בלויע ליד פון בעל חלומות.

העלער אויפגאַנג, העלער אויפגאַנג,
ווי אַ קינד כ׳לויף־נאָך דיין ראָד.
לאָמיר זאָגן מיט הנאה:
פאַרבלייב אין דיכטערס ליד — י ס ו ד.

אומרו

איך האָב אים געזען.
איך האָב אים געטראָפן.
מיין שליאַך און מיין וועג
אַריבערגעלאָפן.
געבליבן כ׳בין שטיין.
דאָס האַרץ מיינס איז אָפן —
ווי אַ דאָרן
פאַרשטאָכן דער נפש
מיט אומרו פון יאָרן.

איך האָב אים געזען
מיט שאַרפקייט אין בליק,
ווי אַ טרעגער פאַרגאַרטלט
מיט מוסקול און שטריק.
געבליבן כ׳בין שטיין
כ׳בין גרייט צום געריכט,
אַריין אין מיין ליד
מיט עול און מיט פליכט,
דו אומרו מיט צאָרן,
דו אומרו־זכרון.

איך האָב אים געזען
אויף גאַסן, אויף ראָגן,
געבראַכט האָט ער אימפעט
צו אַלע פאַרטאָגן.
געבליבן כ׳בין שטיין.
אַריין אין מיין וווּנד
פאַרשניטן מיט מיר

האָסט לאַנג שוין אַ בונד,
כ׳געדענק דיין רעפריין:
לעולמי עַד — לעולמי עַד
אומרו־געוויין
מיט דיר נע ונד.

די צייט קלאַפּט אין לאָדן
מיט אימה, געוואַלד.

מיט אומרו באַלאָדן
דיין דיכטער געשטאַלט.

דריי חברים

עמיץ־ווער האָט אָנגעקלאַפּט אין שויב,
דער טויער פון מיין היים געווען פאַרריגלט.
געעפנט כ׳האָב מיין טיר — און זע:
דער בויער האָט געבראַכט אַהער די ציגל.

עמיץ־ווער האָט אָנגעקלאַפּט אין טויער,
כ׳האָב דעם וואַסער־פּליסטער גלייך באַנומען.
געעפנט כ׳האָב מיין האַרץ — און זע:
דער וואַסער־טרעגער מיט צוויי פולע עמערס אָנגעקומען.

עמעץ־ווער אַריבער איז מיין שוועל.
געבראַכט האָט ער געפלאַטער פון צוויי פליגל.
געעפנט כ׳האָב מיין היים — און זע:
געקומען איז דער ניגון פון מיין וויגל.

דער בויער מיט די ציגל, דער וואַסער־טרעגער און מיין ניגון
דריי חברים רעדן גוטע רייד.
ווער דעם חלום קען דערציילן פון זיין וויגל
ווער דעם נס פון שירה קען געבן אַ באַשייד?

אויף וועלכע לאָנקעס גרינען מיינע לידער?

אויף וועלכע לאָנקעס גרינען מיינע לידער?
אויף וועלכע פעלדער האָב איך זיי פאַרזייט?
כ'האָב געזען זיי אויף די וואָלקנס שוועבן
דאָרט וווּ לעבן קושט זיך מיטן טויט.

אויף וועלכע ימען שווימען מיינע שיפן?
ווער טראָגט מיין וואָרט אויף שטורעמדיקע כוואַליעס?
פון מרחקים ווייטע מיין ניגון כ'האָב געהערט,
דאָרט וווּ סוד קושט־אויס דאָס פנים פון התגלות.

מיט וועלכע עמערס שעפט מיין האַנט פון ברונעם?
פון וועלכע קוואַלן טרינקט מיין נאַכטיקער זכרון?
אויסגעשפרייט מגילות מיינע איבער דורות,
אַהין אַנטלויפן אַלע טעג, חדשים, יאָרן.

ווער פאַרזיגלט האָט מיין איינזאַמקייט אין צימער?
ווער האָט אָנגעצונדן אַלע ליכט וואָס ברענען?
אַ וועלט האָט מיר דערלאַנגט אַ ליד: לאמר:
אין ליד — תהומות וועסט דערקענען.

ווער האָט אָנגעצונדן אַלע שטערן אויף די הימלען?
ווער פאַרזייט האָט אַלע קברים אין דער נידער?
אויף אַ מזבח, ווי אַ קרבן, ליגן זיי געבונדן
אַלע ווערטער מיינע, אַלע מיינע לידער.

ווער האָט אַ קאָלירטן רעגנבויגן פאַרוואָרפן אויף די הימלען?
וועלכער דיכטער קען זיין לייטער איבערשטייגן?
ווער שרייבט אין דיינע ביכער ווערטער,
וועלכע שרייען העכער ווען זיי שווייגן?

אויף וועלכע לאָנקעס גרינען מײַנע לידער?
אויף וועלכע פעלדער האָב איך זיי פאַרזייט?
כ׳האָב געזען זיי אויף די וואָלקנס שוועבן,
דאָרט ווו לעבן קושט זיך מיטן טויט.

אַ קרישל פון אַ שטראַל

אַ קרישל פון אַ שטראַל
האָט זיך אַ וואַלגער־געטאָן מיט טויזנטער קאָלירן
אויף אָרעמע שוועלן.
ער האָט געעפנט אַלע טירן
און ווי אַרעסטאַנטן פון די צעלן
זענען אַרויסגעלאָפן פון די שטייגן אַזויפיל וווּנדער.

אַ קרישל פון אַ שטראַל
איז זיך פאַרגאַנגען אין ציטערדיקן ניגון אויף אַ שטיין.
האָט אַ בלום גלייך אויפגעוואַכט
און אַ פויגל אויף אַ דאַך
ניט וואַרטנדיק אויף קיינעם, חנוודיק אַליין
אויסגעזונגען וווּנדער איבער וווּנדער.

אַ קרישל פון אַ שטראַל
האָט זיך פאַרוואַלגערט אין אַ שמאָלער גאַס ביינאַכט.
געזאָגט האָט ער צו זיך:
אַהער איך האָב מיין ביסל גאָלד געבראַכט.
ווייט פון טומל, ווייט פון רעש,
אויסהיטן כ׳וועל מיין פונק,
ווי אַ גוטן וויין אין פלאַש.

אַ קרישל פון אַ שטראַל
ווי אַ טייך האָט זיין גאָלדן־חלום צו די ברעגן אָנגעשלאָגן.
אַוועקגעשטעלט זיך פריי, מיט טיפן אָטעם
אָנגעהויבן זאָגן:
ווער עס הערט די שפּראַך פון טרוים,
ווער ס׳פאַרשטייט אַ שטיין, אַ בוים,
ווער עס הערט אַ קול

פון אַ פויגל אין אַ טאָל,
ווער עס הערט די שטילקייט
דראַפּען זיך אין הייכן —
קומען זאָל אַהער, די שפּיצן פון אַ קרישל שטראַל
ער וועט דערגרייכן.

אַ קרישל האָט מיר היינט געטאָן אַ זאָג:
שטיי אויף. אין דיין לאָדן קלאַפּט שוין דער פאַרטאָג.

פשוטע מענטשן

די פשוטע מענטשן
מיינע גרויסע מיוחסים.
אין זייער קול — צוואה:
דיכטער, ביזט קיין יתום.

נאָר אויף זייער טייך און ים,
נאָר אויף זייער לאַן און פליין
הער איך זייער וואָרט און ניגון,
פאַרשרייב איך זייער חן.

אין זייער מלכותדיקן מויל,
אויף זייער טאָל און באַרג
זינגט די ערלעכקייט אַליין:
מונטער, גבורה'דיק און שטאַרק.

אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב,
אויף יעדן בוים און שטיין
זינגען מיינע יונגען:
דיין חלום ליב און ריין.

ביי צוגעמאַכטע לאָדנס
אין וויטן ערגעץ־ווו
הער איך ווי זיי בענטשן
מיין אומרו און מיין רו.

כ'האָב נעכטן אויף די גאַסן
פאַרנומען זייער גענאָד,
אָ, מענטשן ריינע, פשוטע —
שותפים צו מיין סוד;

גלייכע צו מיין סוד און ליד
צו מיין פרייד און טרער.
שותפים צו מיין וויין און פרייד
קומט אַריין אַהער.

ס'איז מיין שטוב היינט אויפגעראַמט
אָפּגעפּוצט די ווענט.
נאָר איר — ווי הימלען אָפענע —
מיין ליד איר האָט דערקענט.

ס'איז מיין שטוב היינט אויפגעראַמט,
צוגעגרייט אַן אָרט,
פאַר אייער האַרץ און ערלעכקייט
פאַרבייגט זיך טיף מיין וואָרט.

ס'האָט די נאַכט מיט רוגזה
מיין פייער אויסגעלאָשן.
אין ליכט פון אייער פשטות
באַנייט האָב איך מיין לשון.

אַ דאַנק אייך, מענטשן פשוטע,
אַ דאַנק פאַר גייסט און חומר.
יידיש האָב און גוטס —
פאַרהיט, געטרייער שומר.

געדענק מיך, גאָט

געדענק מיך, גאָט, אין ווערן,
געדענק מיך, גאָט, אין זיין:
ליב האָב איך די שטערן
און ליב האָב איך דעם וויין.

געדענק מיך, גאָט, אין רעגן,
געדענק מיך, גאָט, אין טוי:
ליב האָב איך אויף וועגן
די שיינקייט פון אַ פרוי.

גערעכט איז עומר־כאַיאַם,
דער גרויסער דיכטער שיכור:
אַ כוס וויין אויף אַ לחיים,
אַ לעבל ברויט און דו דער עיקר.

געדענק מיך, גאָט, אין שטורעם,
געדענק מיך אין דער שטיל:
דער סוד פון די יסורים
ליגט טיף אין דעם געפיל.

געדענק מיך אין דיין צאָרן,
מיין תפילה ניט פאַרגעס:
אַ מענטש, אַ בינטל יאָרן,
זיין טאָג — אַ גרויסער נס.

געדענק מיך, גאָט, אין שרפות,
געדענק מיך אין דעם קריג:
מיין לעבן איז אַ מופת,
אָט זע — איך גיי צוריק.

געלעבט נאָר אַ פּאָר צענדליק
אין שאָטן־שפּיל פון גאָט:
זאָגסטו מיר: געענדיקט —
געענדיקט שוין מיין טראָט.

וויל איך דיר היינט זאָגן:
נעם דיין געטלעכקייט און קום:
לעם דעם טויטן וואָגן
אויך דו וועסט בלייבן שטום.

אויף פעלדער האָבן שניטער
אַ צוואה שטיל פאַרזייט:
מיט פרוי און וויין און לידער
באַזיגן וועסט דעם טויט.

אַ טאָג ווו אַלע רגע׳ס זעען־אויס ווי זונען

אַ טאָג — ווו אַלע רגע׳ס זעען־אויס ווי זונען.
אַ מאָל אַזוי פאַרבייגייענדיק דורך מיינע שורות,
כ׳האָב מיין ליד געפונען.

מיט גלוסטונג איז דאָס ליד צוגעפאַלן צו מיין גומען.
אויסגעקושט די גראַמען:
אין דיין יום־טובדיקער שטוב כ׳בין געקומען.

כ׳בין געקומען אַריינבלאָזן מיין אָטעם אין דיין האָרן,
זיין אַ שותף צו דיין יום־טוב
און העלפן אָפּמעקן די וואָלקנס פון זכרון.

כ׳בין געקומען אויסקושן מיט זונען די מעת־לעתן
און לערנען דיך:
שיכחה. פאַרגעסן.

כ׳בין געקומען ווי אַ פויגל מיט צוויי צעשפּרייטע פליגל
אָפּווישן די טרערן
פון דיין שפּיגל.

אַ טאָג — ווו יעדער אות ווי אַ דימענט איז געשליפן,
אין אַזאַ מין טאָג
איז מיין וואָרט פאַרשוווּנדן פלוצלינג אין די טיפן.

אַראָפּ — און אַ סוד דאָרט טיף אין קעלערן פאַרזיגלט.
קוקט־אַראָפּ מיין האַרץ, ווי צוויי באַטרערטע אויגן,
און זוכט דעם סוד אין שפּיגל.

האָסט דאָך צוגעזאָגט מיין ליד אין יידיש־לשון,
אַז היינט וועלן די זכרון־ליכט
ווערן אויסגעלאָשן ?

האָסט דאָך צוגעזאָגט, אַז היינט וועלן אַלע טויען
אויסקושן די גראָזן
און מיין היים פון נייע ציגל כ׳וועל היינט בויען.

האָסט דאָך צוגעזאָגט טויזנט זונען אין די לאָגלען
און דער זכרון וועט אַוועק אויף ווייטע וועגן
וואָגלען.

צוגעזאָגט.
נאָר ווער קען פותר חלום זיין אַלע חידות ? —
אַז ס׳וויינט מיין האַרץ מיט אַלעמען
און ביחידות.

צוגעזאָגט.
נאָר זע : אין קעלערן דאָרט טיף פאַרזיגלט
קוקט־אַראָפּ מיין האַרץ ווי צוויי באַטרערטע אויגן אין אַ שפּיגל.

מיין נחלה

מיין נחלה — אַ צווייג און אַ וואָרצל, אַ פעלד,
אַ ברונעם, אַ טייך און אַ קוואַל,
אַ פענסטער צו אָפענער וועלט,
אַ ליד — ווי קרישטאָלענער שטראַל.

מיין נחלה — אַ רעגן, אַ טראָפּעלע טוי,
אַ סטעזשקע, אַ באַרג און אַ טאָל,
בליקן פון קינד און פון פרוי,
אַ קלאַנג, אַ ניגון, אַ קול.

מיין נחלה — תפילה, וואָרט און גאַנג,
ברויט פון קאָרן, פון ווייץ,
אַ ווינט וואָס פאַרחלומט אַ זאַנג,
אַ רעגן — אַ סטעזשקע פאַרפלייצט.

מיין נחלה — אַ טרוים, אַ ביסעלע אומעט,
אַ גאָלדענער פרילינג, אַ פונק,
אַ בין — אַ פרדס פאַרזשומעט,
אַ ליד פון אַ דיכטער, אַ ווונק.

דער שחר מיט גאָלד אין זיין קרוין,
פרימאָרגנס מיט זונען פרבלענדט,
אַ געוויין פון דער שקיעה'ס פאַרגיין
און שאָטנס אין טאַנץ אויף די ווענט.

היט־אויס מיין גאָט מיינע שויבן,
מעק־אָפּ פון מיין זון אַלע פלעקן.
שיק צוריק אין מיין נעסט דיינע טויבן,
מיין נחלה היט־אויס פון די שרעקן.

אַ ליד

צווישן טאָג און נאַכט, שקיעה־צייט, אין פרילינג
לייען איך מ אַ נ י ל י י ב׳ ן.
דאָס האַרץ ווערט פול מיט פרייד. מיט צער.
איך וויל דיין וואָרט היינט לויבן.

אין פרילינג — לייען איך מאַני לייב׳ן.

ווינטער צייט לייען איך מ ש ה ל י י ב׳ ן.
דער רעגן קלאַפּט אין לאָדן. אַ בליץ רייסט־דורך מיין צימער.
דיין וואָרט האָט מיך צום שטורעם היינט דערהויבן.
געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען.

ווינטער צייט לייען איך משה לייב׳ן.

אין האַרבסטיקע טעג — אָפּן איז פאַר מיר ה. ל י י ו ו י ק.
נאָענט איז מיר דיין חלום, נאָענט.
מיט ביינערדיקע פינגער קלאַפּט־אָן אַ וואָרט : אייביק.
איך אָטעם אַריין און איך אָטעם אַרויס פייער.

אין האַרבסטיקע טעג — אָפּן איז פאַר מיר ה. לייוויק.

זומער לייען איך א. ס ו צ ק ע ו ו ע ר׳ ן.
די אָדע צו דער טויב ברענגט מיך צום נסיון.
שטערן פאַלן פון דעם הימל
און פון די שטערן וויל איך בויען
אַ נייע אָדע צו דעם זומער.

זומער לייען איך אַ. סוצקעווער׳ן.

פאַרבענק איך זיך נאָך אַ שטראַלנדיקן ייד
עפן איך אַ ספר
פון ג ל אַ ט ש ט י י נ ס ליד.

פופציק יאָר

פופציק יאָר באַקליידט
מיט חלום, זייד און שמאַטעס,
מיט שטומעניש און רייד,
אַ פראַק און אַלטע לאַטעס.

געשיקט די ווייסע טויבן
צו שפּיצן פון דעם באַרג.
געוואָלט מיין וואָרט דערהייבן
צו אָרים־יידיש־מאַרק.

מיט שלום, מיט געווער,
מיט בלוט אויף ווייסן שניי —
אַ תושב און אַ גר
אין שמחה און אין וויי.

אויף גאַסן כ'בין אַרונטער,
מיט אויגן און געהער,
געטרונקען פון די וווּנדער
מיט האַרציקייט און טרער.

אויף בריקן פון מיין דור
מיט עשירות און מיט דלות,
גייען פופציק יאָר
אין סוד און אין התגלות.

הלכה הייסט פאַרשרייבן
דינים אויף די כתבן.
אגדה וויל פאַרטרייבן
חומרה'דיקע לאַוון.

העברייאיש שרייט געדענקען
הלכה פון דעם טאַטן.
יידיש וויל נישט שענקען
ווער אגדה וויל פאַרראַטן.

קומט צוגיין דער זיידע:
אייניקל, מאַך שלום:
נעם אַריין זיי ביידע
אין טאָרבע פון דיין חלום.

אין שטילקייט און אין טומל
מיט לייוויקן און הייגען —
חיים נחמן אין דעם רומל
לוי יצחק מיט זיין טענה׳ן.

די מעשה מיט ז׳ קבצנים
באַגלייט מיר באהבה.
אַריין אין האַרץ און פנים
איז מאַנגער מיט זיין פאַווע.

חד־גדיאס ווייסע ציגעלע,
מיין מאַמעס טרער און ניגון:
אונטער ישראליקס וויגעלע
וויל דער טאָג מיין וויי פאַרוויגן.

געריסן זיך צום עיקר,
מיט ר׳ נחמנען אין גאַנג
צום וואַלד־וועג ווי אַ שיכור
מיט בראַצלאַווער געזאַנג.

אַ וועלט פון יידיש־זמירות
מיט וואָרט פון מענטש און גאָט,
וויינען מיינע סתירות —
ישראליק דאָן קיכאָט...

אין סוד, אין טיפן רמז,
שערי אדם צעריסן,
געזוכט אַ טראָפן אמת
אויף שליאַך פון מיין געוויסן.

ווי אויף הימלען אַלע שטערן,
ווי אַ פּאַסטוך צו די רינדער,
נ׳ יאָרן אייך געהערן,
מיין פרוי און מיינע קינדער.

פופציק יאָר באַקליידט:
צוויי אותיות: י. ח. — אַזאַ נאָמען,
מן המיצר, מיין לעבן, זיי גרייט
קושן ברעגן פון הימלען. אמן.